# דער יודישע פאָלקס־צייטונג

ח' סיון תרס"ג. פערלאג „פאָלקס־בילדונג" וואַרשאַ. 3 Juni 1903.



**אינהאַלט:** זאנגוויל'ס רעדע. — א בריף פונ'ם גראף טאלסטאי צו שלום־עליכמ'ען. — פאָליטישע ענינים. — נייעס פון דער וואָך: I וועלט נייעס; II יודישע נייעס; III ציוניסטישע נייעס. — ידיעות פון קישינוב. — ווער איז קרושעוואַן? — פיער וועלטען; מ. י. פרייד. — (שיר); א. נ. שטיינבערג. — די סחורות און זייער ווערט; א. ש. זאקס. — פאַרצייטישע יאהרען; פ—ק. — ליטעראַטור און קונסט. — אַלטנייאַלאַנד; משה קליינמאַן. — אַלערליי.

**יודישע פרויען־וועלט:** I אַלגעמיינע נייעס; II יודישע נייעס. — מודעות.

**פעליעטאָן:** נרינם אויף שבועות; שלום־עליכם.



„אַראַגאַ־גורסקי. וואַרשאַ, לעשנאַ № 4

דאס איינציגסטע מיטעל צום אויסראטען נאַגניאַטקעס (הינער־אויגען) בראדאַווקעס און פערהאַרטעטע הויט צור פרייז 30 קאפ' און 50 קאפ' פאַרדערן איבעראל.

25—17 (129)

## די קאנדיטעריי פון ברידער קאַטליצקי
### אין וואַרשאַ:

1) נאַוואַליפקי נומר 8 ביי האטעל „ראססיא". — 2) פיליע: אייזערנער טהויער נומר 3 ביים זאקסישען גארטען

(טעלעפאָן 1148 נומר)

נעמט אן אלערליי בעשטעלונגען פון קאנדיטעריי זאכען, ווי: טארטען, מאראַז־שענע, קאנפעקטען, פיראמידען און פיראושנעס. די אלע סאָרטען קען מען צו פסח בעקומען אין שטרענגסטע כשרות. בעשטעלונגען פון פרעמדע שטעדט ווערען פינקטליך פערפערטיגט און ארויסגעשיקט אויף מיטעלמעסיגע פרייזען, ווען מען שיקט צו 25 פראַצענט האַנד געלד.

15—11 (174)

## לעזט און הערט דעם אמת!!



אלע אנאנסירטע ברוכבענדער מיט עלעקטריע היילען נישט אויס קיין שום ברוך. דאס גוטינקייט פון איינען ברוכבאנד איז נור ער זאל פעסט איינהאלטען דעם ברוך און נישט דריקען דעם קערפער.



זאלכע פערפערטיגט אין אייגענער פאבריק וועלכע איז בעעהרט געווארען מיט מעדאילע פון דער דאקטארסקע אויסשטעלונג



**Д. Мошковскій, Варшава**

Налевки № 37

(135) 50—13

## הויז־דרוקעריי




מיט מיינע טיפען־דרוקעריי גארניטורען אין אלען שפראכען אויך העברייאיש קאן יעדערמאן זעלבסט דרוקען אלעס וואס ער האבען וויל:

צו בעציען אויס דער איינציגער פאבריק אין גאנץ רוססלאנד "ПОБѢДА„ буквъ. вижн.е ...



**И. А. ЛЕВИНСОНА**

въ ОДЕССѢ, Пушкинская, уг. Полицейск. ул., 16
und in WIEN, Adlergasse 12.

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| גארניטור 60 № | מיט 100 בוכשטאבען | 1. | גארניטור 65 № | מיט 540 בוכשטאבען | 4.50 |
| „ 62 „ | 200 „ | 2.— | „ 66 „ | 780 „ | 6.— |
| „ 63 „ | 335 „ | 3.— | „ 67 „ | 1160 „ | 10.— |

מיינע פאבריקען פערפערטיגען אויך שטעמפעל אונד זיעגעל נור פאם בעסטען מאטעריאל פרייזקוראנטע ווערדען פערזענדעט נאך ערהאלט איינער פאסטמארקע 7 קאפ.

**אגענטען ווערדען איבעראל געזוכט**

## הוצאת תושיה.

# מִלון
## של כיס.
### מעברית לרוסית ואשכנזית (באותיות עבריות)
מאת י. גרזובסקי, בהשתתפות י. קלויזנער.

א) במלון הזה באו כל המלים, שבאו בתנ"ך לכל הוראותיהן, **אחת מהן לא נעדרה.**

ב) משני התלמודים והמון המדרשים נכנסו לתוך המלון **הזה כל המלים,** שחזותן מוכיחה עליהן, כי עבריות הן ורק במקרה לא באו בתנ"ך, וגם רוב המלים הארמיות, הסוריות, היוניות והרומיות, שיש להן איזה ערך שמושי. כמו כן נכנסו בו כל המלים הסוריות, היוניות והרומיות, המשמשות בספרותנו החדשה, יהי איזה ערך שיהיה להם.

ג) מן הספרות המאוחרת נתקבלו לתוכו כל המלים הטובות והנחוצות. שבאו בספרי הגאונים וחכמי ספרד, בספרות המקובלים והרבנים המאוחרים, וגם בכל ספרותנו החדשה, כפי שהתפתחה במאה האחרונה.

ד) כל המלים המחודשות בעשרים השנים האחרונות נבחרו היותר מקובלות וכל אלה שמקורן העברי נכר בנקל.

ה) מן המלים הלועזיות, המקובלות בכל השפות האירופיות בא במלון הנוכחי כל המלים הנחוצות ביותר, והנן מתורגמות רוסית ואשכנזיה ומבוארות גם עברית.

ו) כל הבטויים המיוחדים, יהיו מן המקרא או מן התלמוד והספרות המאוחרת, שיש להם ערך שמושי, מתורגמים בו רוסית ואשכנזית.

ז) כל מלה עברית, שהבנתה קשה מעט, היא לא רק מתורגמת **עברית** ואשכנזית, כי אם גם מבוארת במלים עבריות אחדות.

ח) על יד כל פעל מסומנת מלת החבור (או אות תחבור), **שהוא** מתקשר אתה (כמו „האבק עם", אבד ל-, מ-). כמו כן על יד **השמות, שאפשר** לטעות בהם, רשומה ברתוקים גם צורת מספר הרבים שלהם.

ט) המלים התלמודיות, המחודשות והלועזיות, **נבדלות מן המלים המקראות** ע"י סימנים שונים.

י) כל המלים שבאו במלון הזה סודרו לא ע"פ שרשיה, כנהוג במלונים העברים האחרים, כי אם ע"פ צורתן בשמוש הלשון, בכדי להקל על המשתמשים בו.

וזאת לדעת, כי אף אם אין במלון הזה כל חקירות פילולוגיות, הנה מיוסד פירוש כל מלה ומלה שבו על חקירותיהן היותר **מדויקות והיותר חדשות** של טובי הפילולוגים החדשים.

המלון נדפס בפורמט קטן, הפורמט הנהוג במלונים־**של־כיס בכל הלשונות,** ובאותיות פטיט בהירות, למען יהיה המועט מחזיק **את המרובה ויתי רבר השוה לכל נפש.** גם נדפס על ניר משובח ובתכלית ההדור.

**ננמר עתה בדפוס כל המלון.**

**מחירו 2.35 רובל, עם המשלוח 2.50 רובל, מכ' 2.75 רובל.**

Издат. „Тушія" Варшава. | Verlag »Tuschija« Warschau.

אבאנאמענטס-פרייז פאר רוסלאנד:
יעהרליך 4 רובל, האלב-יעהרליך 2 רובל
פיערטעל-יעהרליך 1 רובל.
צוזאמען מיט דער פרעמיע „אלע ווערק פון
שלום עליכם": יעהרליך 5 רובל; האלב-
יעהרליך 3 רובל, פיערטעל-יעהרליך 1.50
רובל. יעהרליכע אבאנענטען קענען די 5 ר
אויסצאהלען אין ראטען: ביים איינשרייבען
2 רובל, דעם 1-טען אפריל 1 רובל, 1-טען
יולי 1 רובל אונ דעם 1-טען אקטאבער די
לעצטע ראטע 1 רובל.
איינצעלנע נומערן 8 קאפ. 20 העלער.

פרייז פאר מודעות (אנצייגע):
פאר יעדער קליינע שורה פעטיט 15 קאפ.
30 העלער, 40 פעניג.
אויף די ערשטע זייטע פאר דעם טעקסט
30 קאפ. 60 העלער, 80 פעניג.

# יודישע
# פאלקס-צייטונג

## א וואכענבלאט פאר אלע יודישע אינטערעסען.

אבאנאמענטס-פרייז:
עסטרייך-אונגארן: יעהרליך 10 קראנען,
האלב-יעהרליך . . . . 5 „
פיערטעל-יעהרליך . . . 2.50 „
דייטשלאנד: יעהרליך . . . 9 מארק.
אמעריקא, ענגלאנד יעהר. 8 שילינג 8 פענס.
אנדערע לענדער: יעהרליך 11 פראנק.
צוזאמען מיט דער פרעמיע „אלע ווערק פון
שלום עליכם": יעהרליך 12.50 קראנען;
11.25 מארק; 11 שילינג; 14 פראנק.
האלביעהרליך 7.50 קראנען; 6.75 מארק
6.60 שילינג; 8.40 פראנק; פירטעליעהר-
ליך 3.75 קראנען; 3.40 מארק; 3.30
שילינג; 7.29 פראנק.
ענדערן די אדרעסע קאסט 20 קאפ.
40 העלער.

די אדרעסע פאר רוסלאנד:
Издательство „Тушія" Варшава
для „ФОЛКСБИЛДУНГЪ":
מינדליך: נאוואליפקי 7, וואהנונג 9.

די אדרעסע פאר עסטרייך-אונגארן
אונ אנדערע לענדער:
Administration
„Jüdische Volks-Zeitung"
Krakau, Sebastyangasse 32.

3 Juni 1903. Nr. 23. ח' סיון תרס"ג.

די רעדאקציע „יודישע פאלקס-צייטונג" איז מודיע, אז זי איז צוגעטרעטען ארויסצוגעבען א זאמעל-בוך (סבארניק) פאר דעם פאלק מיט דעם נאמען

# „הילף"

## די גאנצע הכנסה פון דעם סבארניק וועט

## געהן פאר די פאראומגליקטע יודען אין קישינוב.

אין דעם סבארניק וועלען אריינקומען זאכען פון די בעסטע יודישע שריפטשטעלער, וואס שרייבען זשארגאן אונ העברייאיש אונ אויך די וואס שרייבען אין אייראפייאישע שפראכען, וואס וועלען פון דער רעדאקציע איבערזעצט ווערען אין זשארגאן.

אויך וועלען אריינקומען אין דעם זאמעל-בוך אילוסטראציעס פון בעריהמטע יודישע קינסטלער.

אין זאמעל-בוך „הילף" וועלען אריינקומען אריגינעלע ארטיקלען פון

## לעוו טאלסטאי אונ מאקסים גארקי

איבערזעצט פון רוסישען אין זשארגאן דורך אונזער מיטארבייטער שלום עליכם.

פון די יודישע שריפטשטעלער האבען ביז איצטער זיך אנגערופען מיטצואורבייטען אין זאמעל-בוך „הילף": מענדעלי מוכר ספרים (שלום יעקב אבראמאוויטש); שלום עליכם (ש. ראבינאוויטש); דוד פרישמאנן; בן-עמי (מ. ראבינאוויטש) אונ עזרא גאלדין.

די ווייטער צוגעקומענע שריפטשטעלער וועלען מיר מודיע זיין אין אונזער צייטונג.

**דער פרייז פון סבארניק איז 1 רובל מיט פארטא.**

דעם חשבון פון דער הכנסה מיט דער הוצאה פון סבארניק וועלען מיר אין דער צייט מודיע זיין אין אלע יודישע צייטונגען.

רעדאקציע „יודישע פאלקס-צייטונג".

**שיינה באקשט**
**אברהם מנחם קאמען**
**פערלאבט**

ווילנא — חדש אייר, תרס"ג. — ווארשא.

# זאנגווילס רעדע
## אויף דעם ציוניסטען־טאג אין לאנדאן.

א יאהר איז שוין אריבער זייט איך האב פאר אייך מיין לעצטע רעדע געהאלטען. אין דעם משך פון יאהר זענען פארגעפאלען א סך זאכען, וואס האבען אונז א סך נעהנטער געבראכט צו אונזער ציעל. פאר איינינע חדשים איז געוועזען א קאמיסיאן געגען די איינוואנדערער און די צייטען וועלען מיר וויסען וואס די קאמיסיאן האט בעשלאסען. די חברה „יק"א" האט דערלאנגט א בקשה צום פארלאמענט, מען זאל רחמנות האבען אויף די ארעמע מיליאנערען און ערלויבען אומצוענדערען איהרע תקנות. אין דרום אפריקא האט לארד מילנער געגעבען דעם ציוניסטישען פעראיין דאס רעכט צו געבען ערלויבנישע די יודען וואס ווילען צוריק קומען נאך טראנסוואל; דערמיט האט ער דעם ציוניזמוס געגעבען א פאליטישע מאכט. פון אמעריקא האט דער פרעזידענט רוזוועלט געשיקט צו די רומענישע רעגירונג א בריף וועגען איהר בעהאנדלונג מיט די דארטיגע יודען. וואלטען אלע אונזערע יודישע מאגנאטען זיך אזוי אויפגעפיהרט ווי דער לאנדאנער יודישער לארד־מער, וועלכער האט דעם רומענישען געזאנדטען נישט איינגעלאדען צו דעם באנקעט, וואס ער האט געמאכט, וואלטען מיר אפשר גאר אויף איין אנדערע, בעסערע מדרגה געשטאנען, וואלט אפשר נישט פאסירט דאס, וואס האט נישט לאנג אין קישינוב פאסירט און וואס מיר וועלען עס קענען ניט אזוי לייכט פארגעס'ן.

עס איז קיין ספק נישט, אז די איינוואנדערונגס קאמיסיאן וועט ארויסגעבען געזעצע, לויט וועלכע עס וועט מוזען פערקלענערט ווערען די צאהל פון די יודישע איינוואנדערער אין ענגלאנד.

אנדערע וועלען אונז, ציוניסטען, פרעגען א קשיא: פאר וואס זייט איהר, ציוניסטען, וואס אייער גאנצער צוועק איז צו געפינען פאר אייער פאלק א זיכערע היים, געגען דעם געזעץ, וואס וויל פארביטען יודען איינצוואנדערען אין ענגלאנד, אדרבא, איהר דארפט גאר דערמיט זעהר צופרידען זיין, ווייל דאס וועט אייך פיהרען נעהנטער צו אייער ציעל? דערויף האב איך צו ענפערען איינינע תירוצים. ערשטענס זענ'ן מיר, וואס זענען אין ענגלאנד געבארען און געוואכסען, גוטע און טרייע ענגלישע בירגער און ווילען דעריבער, אז די פרייהייט, מיט וועלכע ענגלאנד קאן געגען די אנדערע אייראפייאישע פעלקער שטאלצירען, זאל נישט געשטערט ווערען. צווייטענס דערמאנען מיר זיך אלס יודען אן משה'ס תורה, אין וועלכע עס שטעהט געשריבען: „וגר לא תלחצו כי אתם ידעתם את נפש הגר כי גרים הייתם בארץ מצרים", דאס איז טייטש: איהר זאלט דעם פרעמדען נישט אונטערדריקען דען איהר ווייסט דאך ווי עס איז דעם פרעמדען צום מוט, דען איהר זייט דאך אליין א מאל געוועזען פרעמדע אין לאנד מצרים. עס טוט געגוג וועה דאס הארץ צו זעהן ווי יודען, וואס זענען גאר נישט לאנג אנגעקומען קיין ענגלאנד, זענען אויך געגען די איינוואנדערונג, און דריטענס זענען מיר ציוניסטען געגען אלץ וואס עס קאן אונזער פאלק אבשוואכען און איהם זיין פרייהייט בעדרוקען. אמת מיר ווינשען און בעמיהען זיך מיט אלע אונזערע כחות צו שאפען אונזער פאלק א זיכערע היים, מיר קאנען אבער נישט רויבען פון יעדען איינצעלנעם פון אונז דאס רעכט צו לעבען וואו עס געפעלט איהם אזוי גוט ווי איינצעלנע מענשען פון אנדערע פעלקער וועלען האבען דאס רעכט צווישען אונז זיך צו בעזעצען.

מחמת דעם טעם, וואס איך האב דא ערשט געזאגט דארפען זיך שוין די ענגלישע יודישע מיליאנערען אויפהערען צו שרעקען טאמער וועט מען זיי, חס ושלום, איבער געוואלד פיהרען קיין ארץ ישראל. זייער שרעק איז איין אומזוסטער, מיר הייבען גאר נישט אן צו טראכטען, אז זיי זאלען אהן זייער אייגענעם ווילען געהן אין ציון. מיר

---

# פעליעטאן.

## גרינס אויף שבועות.
### (א פריילִיכע מעשה מיט א וויסטען סוף)

פון **שלום־עליכם.**

א

איהר פארשטעהט צי ניין? די מאמע האט מיך געשיקט, די מאמע אליין האט מיך געשיקט אנרייסען און ברענגען גרינס אויף שבועות.

וועלכס הייסט גרינס אויף שבועות, ווילט איהר וויסען? גרינס אויף שבועות איז פארהאן ביי יודען אלערליי: פארהאן „ליובעסטיק", פארהאן „טאטארסקי־זעליע", און פארהאן „בוזינא, און פארהאן ביי יודען נאך אנדערע מינים גראזען. דאס הייסט, ביי יודען איז ניטא קיין שום גראזען, ווי קומט צו אונז גראז? גראז איז דאך א זאך וואס וואכסט אין דרויסען, אויף דער ערד, און וואס נעהר זיך אן א יוד מיט'ן דרויסען, און וואס פאר מחותנים זענען מיר מיט ערד? ניט אומזיסט זינגען מיר אלע יום־טוב אין דער שמונה־עשרה: „ונתרחקנו מעל אדמתנו"—און מיר האבען זיך דערווייטערט פון דער ערד, דאס הייסט, מע האט אונז דערווייטערט, אפגעריסען פון דער ערד, לכן טראגען מיר זי אריין אין שטוב אריין, אז סע קומט יום־טוב. מיר קויפען איין „ליובעסטיק" אין מארק, מאכען פון דעם קרענצלעך, אלערליי רעדלעך און מגן־דוד'ס, באהענגען די שפיגלען, מיט די הענגלייכטער, מיט די לאמפען, און בעטען ויס די ערד מיט שמעקענדיגע גראז, און אין שטוב ביי אונז ווערד פריש כמו ווי אין דרויסען און גרין כמו ווי אין פעלד, און יודען קוקען און קוועלען, שמעקען דעם ריח פונ'ם גראז, און יודען דערמאנען זיך, אז זיי זענען אויך געווען אמאל א פאלק פון איין אייגענעם אין דרויסען, מיט איינענער ערד, מיט אונזער אייגענעם „ליובעסטיק" און מיט אונזער אייגען שמעקענדיגען גראז...

ב

געוואוסט האב איך, אז ליובעסטיק און שמעקענדיג גראז וואכסט אויף יענער זייט טייך, העט ווייט אונטערען שטאדט ארויס, דארט, וואו עס גרינט פון דער ווייטען דאס ברייטע פעלד אהן א ברעג, דארט וואו דער בלויער הימעל געהט זיך צונויף מיט דער ערד, דארט וואו אלע פארנאכט לאזט זיך אראפ די רויטע פייערינע זון, ווערד פארזונקען און לאזט איבער נאך זיך א לאנגען בלוטיגען פאס, דארט וואו עס קוואקען און גראגערען די זשאבעס, וואס געבען אפ קאנצערט

גלויבען נישט די אלטמאדישע ציוניסטען, אונ אויף קיין נסים פארלאזען מיר זיך נישט. די יודישע גבירים האבען אודאי נישט מורא צו האבען, אז אין ענגלאנד זאל אויך אמאל ווערען שלעכטע צייטען פאר יודען. אבער מיר בעפאלט איין אימה, ווען איך דערמאן מיך, וואס עס וואלט געוועזען ווען ענגלאנד וואלט געהאט א מפלה אין די מלחמה מיט די בורען אונ נישט קיין נצחון, וואלט מען נישט דארין בעשולדיגט די יודישע קאפיטאליסטען, אז זיי האט מען אלע צרות צו פארדאנקען? דענסטמאל וואלט קיינער נישט דערמאנט, אז יודישע סאלדאטען זענען גלייך מיט די ענגלישע געפאלען אויף דעם שלאכט פעלד.

מיר יודען זענען אריינגעקומען אין ענגלאנד שוין מיט הונדערטער יאהרען צוריק, צוזאמען מיט דעם ערשטען נארמאנישען קעניג אין ענגלאנד אונ האבען דעם לאנד א סך א סך נוצען געבראכט מיט אונזער געלד אונ אונזער וויסענשאפט. נו האט דאס אונז עפיס א סך געהאלפען אין 75 יאהר שפעטער אבצוהאלטען, מען זאל אונז פון ענגלאנד נישט ארויסטרייבען? צוערשט האט מען אונז געקויילט אונ געפייניגט מיט אלערליי ענוים קשים אונ דערנאך האט מען די 16,000 יודען, וואס האבען ליבערסט געוואלט פארטריבען ווערען איידער בייטען דעם גלויבען, געלאזט געהן וואו די אויגען טראגען. א שיפס־קאפיטאן האט א גרויסע צאהל יודישע גבירים אראב געטריבען פון זיין שיף אונ זיי אויף א זאנד־באנק אין מיטען ים געלאזען, אונ זיי איין עצה געגעבען, זיי זאלען זיך בעזארגען א נייעם משה'ן, וואס זאל זיי שפאלטען דעם ים.

ערשט אין לעצטען פיערטעל פון זיבצעהנטען יאהרהונדערט האבען זיי זיך אין ענגלאנד ווידער אונגעשטערט בעזעצט אונ היינט אין מעהר אלס צוויי הונדערט יאהר שפעטער איז שוין ווייטער די ערד אונטער אונזערע פיס נישט זיכער, אונ עס ווייזט זיך ווייטער א האנט, וואס שרייבט אויף דער וואנט שלעכטע נביאות. איך זאג נישט, אז ענגלאנד די מוטער פון פרייהייט אונ גלייכהייט וועט ווידער פארזינקען אין מיטעל־אלטער. העכסטענס קאן עס נאר קומען צו לייכטע אונרוהען געגען די יודען, אבער נישט ווייטער. דאס ענגלישע הארץ איז גענוג געזונט אונ ועט, ווי איך גלויב, זיך נישט אבווענדען פון די ארימע אומגליקליכע יודען, וואס דער שרעק טרייבט זיי אונ יאגט זיי אין איהר לאנד, זיך צו בעשיצען אונ ועט זיי געוויס העלפען צו געפינען א זיכערע היים. אבער אין פראנקרייך, וואו איידער עס האט זיך בעוויזען דער ענין דרייפוס האבען די דארטיגע יודען זיך גיהאלטען פאר זיכער אונ געשיצט אויף אייביג, אין דעם דאזיגען פראנקרייך האב איך געהערט פון זיכערע מענשען, וואס ווייסען ריכטיג די דארטיגע לאגע, אז קוים זאל דארטען אויסברעכען א רעוואלוציע וועלען די יודען זיין דאס כפרה היהנדל. לאמיר האפען, אז ביז עס וועט א רעוואלוציע אויסברעכען וועלען מיר שוין האבען אהיים פאר די יודישע אנטלאפענע פון פראנקרייך, אהיים אין ציון.

אונ דענסטמאל האף איך, וועט א ראטהשילד נישט מעהר האבען קיין חשק צו זיין געזאנדעטער אין פאריז, אונ בנוגע צו דעם באראן עדמונד ראטהשילד וועט ער אודאי זיך נישט שעמען צו בעזעצען אין איינע פון די קאלאניעס, וואס ער האט מיט זיין גוט הארץ געגרינדעט אונ וועט זיין איין אמת'ער פאטער אין זיין לאנד, וואס וועט זיין נאמען געדענקען אויף אייביג. עס איז ביי מיר קיין ספק נישט, אז אפילו לארד ראטהשילד וועט וועלען האבען חאטש איין איינציגע זומער־וואהנונג אין ציון, ווי זיין קרוב לארד ראזבערי האט היינט אין נעאפעל. זייט לארד ראטהשילד איז געווארען מיטגליד פון דער פרעמדען־קאמיסיאן אונ האט בעטראכט די שנאה געגען זיין פאלק, קוקט ער גאר אויף די יודענפראגע מיט אנדערע אויגען. דאס ערשטע מאל אין זיין לעבען האט ער מיט זיינע אייגענע אויגען די יודישע פראגע געהערט אונ געזעהען. ביז דענסטמאל אבער האט איהם די יודישע פראגע נאר אינטערעסירט אויף אזוי פיעל צו וויסען „וויפיעל דארף ער פאר זיין ארעם פאלק געבען". אונ געגעבען האט ער אלע מאל, ווען עס איז נאר נייטיג געוועזען

---

אין די ליבע, ווארעמע זומערנאכט.—בקצור גרינם אויף שבועות קריגט מען דארט, וואו איך בין נאך קיין מאל נישט געוועז, אונ טאקי דערפאר, וואס איך בין נאך דארט קיין מאל נישט געוועז, האט זיך מיר זעהר געוואלט דארטען זיין, אונ מיט א פרייליך הארץ אונ מיט א וואהל געמוטה האב איך מיך געלאזט אין וועג אריין, גאנץ געשמיידיג, געזאנגען אונ געטאנצט, נאר נישט באמערקט, אז איך בין שוין אויף יענער זייט ראגאטקע, נאך ווייטער פונ'ם בית עולם, וואס אהינצו פלעגען מיר געהן אלע תשעה־באב אינאיינעם מיט'ן רבין ווארפען קנאבעל אויף די קברים אונ שטילערהייד, בגנבה פונ'ם רבין, רייסען בודיקעס.

איין אמת'ע נסיעה קאן מען אנרופען נאר די נסיעה, וואס א מענש מאכט איינער אליין, אהן חברים, אהן א שום איבערשלאג. איך בין מיר איינער אליין א פריי פייגעלי אין דער גרויסער ברייטער וועלט; איבער מיר איז די גאנצע גרויסע בלויע יארמינלקע, וואס מע רופט זי הימעל; מיר איינעם אליין לייכט די שענע ליכטיגע טאג־מלכה, וואס מע רופט זי זון; פון מיינעטוועגען אליין האבען זיך עס צעגויפגעקליבען דא אין פרייען פעלד די אלע זינגערס, מיט אלע פייפערס מיט אלע שפרינגערס אונ נאר צוליב מיר אליין האט זיך צענומען די שמעקעדיגע רויז, צעשפרייט דער לאנגער דער געלער סאנישניק, צעצוויקעלט אונ צעשפרענקעלט דאס גאנצע ברייטע פעלד מיט אלע זיינע אנטיקלעך פון דער מילדער נאטור, קיינער קוועטשט מיך ניט, קיינער שטערט מיר ניט, קיינער זעהט מיך ניט, אחוץ גאט, אונ איך קאן מיר טהון וואס איך וויל: וויל איך—זינג איך מיר א שענעם „כבקרת", וויל איך—שריי איך משוגע'נער ווייז אונ רייס זיך אויפ'ן האלז, וויל איך—לעג איך צונויף די האנט ווי א שופר אונ בלאז מיר א „תקיעה גדולה" אונ שפיעל מיר א „טרובאטש", וויל איך—טהו איך מיך נאר א וואלגער ווי איך שטעה אונ געה אויפ'ן גרינעם גראז אונ קאטשע מיך אייף אלע זייטען ווי א לאשעקל, ווער וועט מיר זאגען א דעה אונ וועמען הער איך?

ג

דער טאג איז געוועזען אזוי ווארעם, די זון אזוי שען, דער הימעל אזוי לויטער, דאס פעלד אזוי גרין, דאס גראז אזוי פריש, אונ אויפ'ן הארצען איז מיר געוועזען אזוי גרינג אונ אויף דער נשמה אזוי גוט, אז איך האב נאר פארגעסען, אז איך בין דא א ווילד פרעמדער אונ אז איך בין ארויסגעקימען אהער צו אנרייסען גרינס אויף שבועות, אונ האב מיר פארגעשטעלט, אז איך בין דא א מושל, א פרינץ, אונ דאס גאנצע פעלד, וואס מיין אוינ חאפט ארום, מיט אלסדינג וואס אין פעלד אונ אפילו מיט דעם גאנצען בלויען שטיק הימעל—דאס אלעס געהער צו מיר, איך בין דערויף דער איינציגער בעל־הבית, אונ איך האב דערויף צו שאפען אונ ווייטער קיינער ניט, אונ ווי א מושל, וואס איהם

און מיט דער פולער האנט. א גאנץ פאלק קאן מען אבער דורך שנא־רען נישט ראטעווען, אפילו מען זאל שנארען ביי דעם גרעסטען און ביי דעם שטארקסטען. גאט העלפט נאר דעם, וואס ער העלפט זיך אליין.

(פארטזעצונג קומט).

## א בריף פונ'ם גראף טאלסטאי צו שלום־עליכמ'ען.

די רעדאקציע „יודישע־פאלקסצייטונג", וואס איז צוגעטרעטען ארויסצוגעבען דעם זאמעלבוך „הילף" האט זיך געווענדעט דורך איהר מיטארבייטער ה' שלום־עליכם צום גראף ל. נ. טאלסטאי און צו מאקסים גארקי און געבעטען, אפשר געפינען זיי פאר מעגליך אנשרייבען עטוואס צום זאמעלבוך „הילף", וואס די הכנסה פון דעם געהט לטובה פאר די פאראומגליקטע יודען אין קישינוב. — דען 10 מאי האט ה' שלום־עליכם בעקומען פאלגענדען ענטפער פונ'ם גראף טאלסטאי:

העררן שלום־עליכם אין קיעוו.

סאלאמאן נאאומאוויטש! די שרעקליכע רציחה, וואס איז אבגע־טאן געווארען אין קישינוב האט מיך קרענקליך איבערראשט. איך האב שוין א ביסל ארויסגעזאגט מיין מיינונג וועגען דעם צו איינעם א בע־קאנטען יודען אין א בריף, פון וועלכען איך שיק אייך דא א קאפיע... די טעג האבען מיר געשיקט א קאלעקטיווען בריף פון מאסקווע צום קישינובער מער (גאלאווא), אין וועלכען מיר זאגען ארויס אונזערע געפיהלען צום דאזיגען שרעקליכען ענין. איך וועל זעהר צופרידען זיין אייך מיטצוהעלפען אין אייער זאמעלבוך „הילף", צו העלפען די פאראומגליקטע. איך וועל מיך פלייסען אבשרייבען עטוואס אזאלכעס, וואס פאסט פאר אזא בוך...

לעוו טאלסטאי.

6־טען מאי 1903.

## פאליטישע ענינים.

(די געאגראפישע לאגע פון מאקעדאניע. די היסטאריע פון מאקעדאניע. די בעפרייאונג פון די קליינע מלוכות. בולגאריע וויל צונעמען מאקעדאניע).

דאס לאנד מאקעדאניע, פאר וועלכעס אייראפא שרעקט זיך, עס זאל נישט ארויס ברעכען קיין מלחמה, איז איינע פון די קליינע מדינות אויף דעם באלקאן אין צפון פון גריכענלאנד. דאס רוב איינ־וואהנער אין מאקעדאניע זענען בולגארען און די איבריגע זענען: גריכען און טערקען. די גרעסטע שטעדט אין מאקעדאניע זענען סאלאניקי, וואו מען האט נישט לאנג אזוי פיעל דינאמיט אונטער־געלעגט, און מאנאסטיר, וואו עס הערט נאך איצט נישט אויף קיין מלחמות צווישען די טערקען און מאקעדאניער. דאס לאנד מאקעדא־ניע איז ווי בעשאפען אויף צו האלטען דארטען מלחמה, דען דאס גאנצע לאנד איז פול בערג און טאלען, די וועגען זענען דארט ווילד פארוואקסען; די געדיכטע וועלדער, טיעפע היילען און שלוכטען, מיט וועלכע עס איז רייך, זענען די בעסטע ערטער צונצופאלען אויף דעם שונא און זיך צו בעהאלטען פון איהם.

אין דער געשיכטע איז מאקעדאניע בעריהמט שוין מעהר פון 2000 יאהר. אין איהר האט געהערשט דער גריכישער קעניג אלכסנדר דער גרויסער, וועלכער איז בעוואוסט אין דער יודישער געשיכטע מיט דעם נאמען „אלכסנדר מוקדון", צו יענער צייט האט גריכענלאנד געשפיעלט די גרעסטע ראלע אין דער וועלט און מאקעדאניע איז געוועזען איינע פון די שטארקסטע מלוכות. נאך אלכסנדר'ס טויט אבער איז די גריכישע הערשאפט קלענער געווארען. שפעטער האט די רעמישע רעגירונג אפט מלחמה געהאלטען מיט מאקעדאניע און אין יאהר 168 פאר די אלגעמיינע צייט־רעכנונג האבען די רעמער זי אין גאנצען איינגענומען און געמאכט א סוף פון די מאקעדאנישע מלוכה. די מאקעדאניער האבען אפילו זיך געפרווט איניגע מאל צו בעפרייען פון די רעמער, אבער יעדעס מאל האבען זיי געהאט גרויסע מפלות און האבען זיך לסוף אין גאנצען אונטערגעגעבען.

אלעם גיהערט און ער אויף אלעם געוועלטיגט, הייבט זיך מיר אן וועלען ארויסבאווייזען מיין ממשלה, מיין כח און מיין גבורה, אלעם וואס איך קאן און וואס איך וויל.

קודם כל געפעלט מיר ניט אט דער לאנגער דראנג מיט דער געלער היטעל (דער סאנישניק), וואס בעקומט מיט אמאל ביי מיר אין די אויגען א פנים פון א שונא, א מין גלית הפלשתי, און די אלע איבעריגע פלאנצונגען מיט שטעקלעך און אהן שטעקלעך (באב און פאסאלים) — דאס זענען לויטער שונאים, דאס זענען די פלשתים, וואס האבען זיך באזעצט דא ביי מיר אויף מיין ערד, ווער האט געשיקט נאך זיי? און יענע נידעריגע, די גראבע מיט די גרינע קוטשמעס, וואס זיצען אזוי גערעכט הארט ביי דער ערד (קרויט), וואס טהוען זיי דא די דאזיגע קוטשמעס? זיי וועלען זיך נאך אנשכור'ן און מאכען מיר איין אומגליק... לאזען זיי געהן אין דער ערד אריין — איך דארף זיי ניט! און בייזע מחשבות, ווילדע אינסטיקטען וואכען אויף אין מיר, און א מאדנער געפיהל פון נקמה נעמט מיך ארום דורך און דורך, און איך הויב זיך אן נוקם זיין אין די שונאים — און נאך ווי אזוי נוקם זיין!

געהאט האב איך מיט זיך אויף אנצוריי'סען גרינס אויף שבועות מיט גענומען כלי זיין: א מעסערל מיט צוויי קלינגלעך און א שווערט, אפילו אהילצערנע, נאר א שארפע.

די דאזיגע שווערט איז ביי מיר פארבליבען פון „ל"ג בעומר", און חאטש איך בין מיט איהר געגאנגען ל"ג בעומר אויף מלחמה מיט מיינע איבעריגע חברים אונטערן שטארט, פון דעסטוועגען קאן איך אייך שווערען (איהר מעגט מיר גלויבען אהן א שבועה), אז זי האט ניט פארגאסען קיין איין טראפען בלוט. דאס איז געווען א כלי פון דעם כלי זיין, וואס דאס מיליטער טראגט בשעת שלום. ס'איז טאקי נישטא קיין שום סימן פון מלחמה, שטיל און רוהיג ארום און ארום. נאר גאר נישט, גלאט אזוי, פון דרך־שלום וועגען, לאזען זיך שטעהן צוגעגרייט שווערטען, ביקסען, הארמאטען, קאנאנען, פערד, סאלדאטען — הלואי זאל מען זיי ניט באדארפען, ווי מיין מומע־עטיל פלעגט זאגען בשעת זי האט געפרענעלט צוויי וואכען דורך אנאנד איינגעמאכטס פון מאלינעס...

ד

דאס איז ידוע אויף דער גאנצער וועלט, אז בשעת מלחמה צילט מען זיך טרעפען דעם עלטערען, דעם אפיציער; דעם גענעראל אז מע קאן טרעפען איז נאך בעסער; דעמאלט פאלען שוין במילא די סאלדאטען אזוי ווי שטרוי. דערפאר וועט איך שוין קיין חדוש ניט זיין, וואס איך בין צום אלעם ערשטען אנגעפאלען אויף דעם „גלית הפלשתי", איהם דערלאנגט מיט דער שווערט א געשמאקען האק איבער'ן קאפ מיט דער געלער היטעל און היבשע עטליכע זעק פון הינטען, — און דער רשע האט זיך אויסגעצויגען ווי לאנג ער איז פאר מיינע

שפעטער, אז די רעמער זענען שוואכער געווארען, און די רוימישע רעגירונג איז צעפאלען אויף צוויי טייל, איז מאקעדאניע צוזאמען מיט אלע אנדערע באלקאנישע לענדער געוועזען א טייל פון דעם גריכישען קייזערטום, וואס איז ערשט פאר 400 יאהר צעשטערט געווארען דורך די טערקען. מאקעדאניע איז דעמאלט איבערגעגאנגען צו טערקיי, וועלכע איז א לאנגע צייט געווען די שטארקסטע מלוכה אין אייראפא, און די מאקעדאניער האבען קיינמאל נישט געפרובט צו ווערען איין אייגענע מלוכה פאר זיך. נאר שפעטער אין יאהר 1769, ווען די טערקישע רעגירונג האט אנגעהויבען שוואכער ווערען און אנדערע מלוכות האבען בעקומען די אויבערהאנד אין אייראפא, האבען זיך אנגעהויבען די קליינע מלוכות אויף דעם באלקאן צו בונטעווען געגען טערקיי, ווייל זיי האבען געוואוסט, אז זייערע קריסטליכע ברידער, וועלכע האבען איצט די גרעסטע הערשאפט אין אייראפא וועלען זיי נישט לאזען פאלען. די טערקיי האט אפילו די ערשטע צייט שטארק בעשטראפט די מורדים און האט באלד ווי עס איז נאר אויסגעבראכען א מרידה, עס אונטערדריקט, נאר פונדעסטוועגען האט עס די סלאווען נישט אבגעשראקען. די ערשטע איז געוועזען גריכענלאנד, וואס האט זיך בעפרייט פון טערקיי; אמת נישט מיט איהר אייגענע גבורה האט זי זיך בעפרייט, עס האבען איהר דערצו געהאלפען אלע אייראפייאישע רעגירונגען און בפרט רוסלאנד, א דאנק דער רוסישער רעגירונג, וואס האט נישט געקאנט צו זעהען, ווי איהרע ברידער פון איין אמונה און פון איין שטאם, ווערען פון די טערקישע רעגירונג אזוי שווער אונטערדריקט, זענען די קליינע מלוכות, ווי סערביע, בולגאריע און נאך אנדערע געווארען פרייע מלוכות. אין יאהר 1877—78 האט רוסלאנד געהאט א מלחמה מיט טערקיי און אין 1878 איז אין בערלין געשלאסען געווארען א טראקטאט, לויט וועלכען די אלע מדינות אויף דעם באלקאן זענען בעפרייט געווארען. די רוסישע רעגירונג, וועלכע האט מלחמה געהאלטען מיט טערקיי נישט צוליב איהר אייגענע אינטערעסען, נאר צוליב איהרע אונטערדריקטע ברידער די סלאווען, האט דעריבער אין יענער מלחמה פאר זיך נישט גענומען מעהר ווי דעם אבלאסט קארס אין אזיע און א טייל בעסעראביע אין אייראפא, וועלכע זי האט געביטען מיט רומעניע און איהר אוועקגעגעבען דערפאר דעם פראווינץ דאברודשא.

פון יענער צייט אן האט די טערקישע רעגירונג, וואס ווייסט אז די קריסטען אין טערקיי האבען אין אייראפא ווער עס זאל זיך פאר זיי אננעמען, אנגעהויבען זיי בעסער צו בעהאנדלען. ווי דער שטייגער איז אבער, אז קיינער איז נישט צופרידען מיט דעם וויפיעל מען האט, איז אויך בולגאריע נישט צופרידען דערמיט, וואס זי איז געווארען בעפרייט פון טערקיי, זי וויל אויך מאקעדאניע צונעמען פאר א בולגארישע פראווינץ. דאס וואס רוסלאנד האט נישט לאנג געפייערט דעם 25 יעהריגען יובילעאום זייט מען האט איינגענומען שיפקא. האט די בולגארען מעהר מוט געגעבען צו העצען די מאקעדאניער געגען די טערקען. בולגאריע האט פארגעסען, אז רוסלאנד איז נאר דענסטמאל געגאנגען מלחמה האלטען מיט טערקיי, ווען די טערקען האבען זיי באמת אונטערדריקט, אבער רוסלאנד וועט קיין איינציגען טראפען בלוט נישט פארגיסען, ווי זי האט שוין נישט איינמאל מודיע געוועזען, ווען בולגאריע וועט זוכען מיט פאלשע וועגען צוצונעמען פון טערקיי א שטיק לאנד. די העצער, וועלכע שטיצען בולגאריע אין איהר מרידה געגען טערקיי בעמיהען זיך אומזיסט רוסלאנד אריינצוציהען אין א מלחמה. נאר צוזאמען מיט די איבריגע אייראפייאישע מלוכות וועט רוסלאנד זיך אריינמישען צווישען די בולגארען און טערקיי און אויך ערשט דענסטמאל, ווען דאס וועט זיין דער איינציגער מיטעל צו פארהיטען פון איין אלגעמיינע מלחמה, פון א וועלט קריג.

# נייעס פון דער וואך.

## I. וועלט נייעס.

— דעם 6־טען מאי 4 דעם זייגער ביי טאג, ווען דער גובערנאטאר פון אופא (רוסלאנד) באגדאנאוויטש איז געגאנגען שפא־

פיס. נאך איהם האב איך אנידערגעלעגט נאך היבשע עטליכע געזונדע רשעים, די שטעקענס פון זייערע הענט ארויסגעריסען און פארווארפען צו אלדע שווארצע יאהר, און די נידעריגע, די גראבע מיט די גרינע קוטשמעס האב איך גענומען צו דער ארבייט נאר אויף איין אנדער אופן; וועמען איך האב געקאנט, האב איך איהם אראפגענומען די גרינע קוטשמע און די איבעריגע האב איך געטראטען מיט די פיס, געמאכט פון זיי א תל עולם!

ה

בשעת מלחמה, אז דאס בלוט צעהיצט זיך און מע געהט אריין אין אזארט, שניידט מען אויף וואס די וועלט שטעהט. אז מע האלט ביי פארגיסען בלוט פארלירט מען זיך און מע ווייסט ניט וואו מע איז אין דער וועלט. דעמאלט לעגט מען נישט קיין כבוד אויף קיין עלטערס, מע קוקט נישט אויף קיין שוואכע פרוי, מע האט נישט קיין רחמנות אויף קיין קליינע קינדער, און בלוט, בלוט גיסט זיך אזוי ווי וואסער... איך, בשעת אנפאלען אויף דעם שונא, האב נאך נישט געפיהלט אין זיך אזא כעס מיט אזא ברען, ווי נאך די ערשטע עטליכע גוטע קלעפ, וואס איך האב איינגעטיילט דעם שונא; נאר וואס ווייטער האב איך מיך אלץ מעהר געהיצט, זיך אליין אונטער געגעבען אלע מאל מעהר חשק, און איך בין אזוי אריין אין אזארט, איך בין געווען אין אזא עקסטאז, אזא רציחה, אז וואס ס'איז מיר געקומען פאר די אויגען דאס האב איך געבראכט, געשניטען אויף אלע זייטען, און מעהר פון אלעמען האבען פון מיר געליטען נעבאך „קליינוואַרג“, די יונגע קיילעכיגע „ארבוזלעך“, „קאבאקלעך“ מיט די גראבע בייכלעך, די קליינע פיצלעך, אוגערקלעך, וואס קריכען נאר וואס ארויס פון דער גרינער „האדענע“ מיט די געלע נאפילעך, זיי האבען מיך צערייצט נאר מיט זייער שטילשווייגען און מיט זייער קאלטקייט; און איך האב זיי איינגעטיילט אזוי, אז זיי וועלען מיך האבען צו געדענקען! איך האב געהאקט קעפלעך, געשניטען בייכלעך, געריסען אויף דער האלב, געבראכט אויף שטיקלעך, צעשלאגען, צעהרג'עט, געמזיק'ט אויף טויט, לאז מיך אזוי וויסען שלעכטס ווי איך ווייס, פון וואנען עס האט זיך צו מיר גענומען אזא רציחה! אומשולדיגע קארטאפליס נעבאך, וואס זענען געזעסען טיף אין דער ערד, האב איך פון דער ערד ארויסגעגראבען און האב זיי מוסר מודעה געוועזען, אז פון מיר בעהאלט מען זיך ניט!... יונגען קנאבעל מיט גרינע ציבעלקעלעך האב איך ארויסגעריסען מיט'ן ווארצעל, רעטעכלעך זענען געפלויגען ביי מיר ווי די האלעשקעס — און לאז מיך גאט שטראפען אויב איך האב נהנה געוועזען אפילו א שטיקל רעטיך, ווארום איך געדענק גאנץ גוט פון דער מגילה: „ובבזה לא שלחו את ידם“ — ראבעווען האבען יודען ניט געראבעוועט, און אלע מינוט, אז דער יצר־הרע איז געקומען צו מיר און מיך אנגערעדט, איך

צירען אין שטאדט־גארטען, ווענען צו איהם צוגעקומען צוויי צי דריי מענשען, איינער פון זיי האט איהם דערלאנגט א פארזיגעלטען פאקעט און די אנדערע האבען אויף איהם געשאסען איינינע מאל. דער גובערנאטאר איז באלד געשטארבען. א וועכטער פון א צערקעווע, וואס קומט אריין אין גארטען, האט עם דערזעהען און געוואלט חאפען די מערדערס, ער האט אבער מורא געהאט פאר דאס שיסען, מיט וועלכע זיי האבען איהם געסטראשעט און די רוצחים זענען פארשוואונדען געווארען. דער אופער גובערנאטאר איז געפאלען א קרבן פאר זיין טרייהייט צו דער רעגירונג, רע־פאר וואס ער האט איינגעשטילט די אונרוהען צווישען די ארבייטער אין זלאטאוסט.

— איינינע רוסישע צייטונגען האבען אריינגעשיקט א בריף צו קרושעוואן, דעם רעדאקטאר פון „בעסעראבעץ", אז זיי ווילען נישט מעהר בייטען זייערע בלעטער, וואס זיי געבען ארויס, אויף זיין בלאט „בעסעראבעץ", ווייל אין זיין בלאט דערוועקט ער שנאה צווישען איין פאלק צום צווייטען.

— די צייטונג „בעסעראבעץ" האט קרושעוואן פארקויפט א געוויסען אדוואקאט מאלסקי, שפעטער האט קרושעוואן חרטה געהאט און מאלסקי האט געמאכט אויף איהם א משפט אין דאס געריכט האט צוגעפסק'עט, אז דער „בעסעראבעץ" געהער צו מאלסקין.

— אויף דעם 18 יוני איז בעשטימט געוועזן צו פארקויפען אויף ליציטאציע, דורך דאס געריכט, דאס הויז־ווירטשאפט און דעם דרוק פון קרושעוואן פאר זיינע חובות.

## II. יודישע נייעס.

**רוסלאנד.** אין רעזיניצע (וואהלינער גוב.) איז געווען א גרויסע שרפה, כמעט אלע הייזער זענען אבגעברענט, אויך איז פארברענט געווארען א פרוי. 500 פאמיליען זענען געבליבען אהן ברויט.

— גראף איגנאטיעוו, דער געוועזענער מיניסטער דעם אינערן, איז נישט לאנג געוועזן אין דער שטאדט ליפאוועץ און האט אויפגענומען די יודישע דעפוטאציע, וואס איז איהם ארויסגעקומען אנטקעגען, זעהר פריינדליך און האט זיי געזאגט, אז עם טוט איהם זעהר לייד דער קישינובער פאגראם. אויך האט ער מנדב געוועזן 50 רובל פאר די דארטיגע יודישע ארימע לייט.

— א סך יודישע און דייטשע קאלאניסטען פון די קאלאניעס עפינגאר, נאווא־פאלטאיוקע און דאבראיע (חערס. גוב.) האבען עמיגרירט קיין בולגאריע, ווייל אין זייערע קאלאניעס האבען זיי צו וועניג ערד און אין בולגאריע קענען זיי בעקומען צו קויפען ערד אויף לייכטע בעדינגונגען.

— דער אדעסער גראדא־נאטשאלניק האט געלאזט רופען אלע אדעסער רבנים און גבאים פון די שוהלען און האט זיי מודיע געוועזן, אז די אדעסער פאליציי האט אנגעווענדעט אלע שטרענגע מיטעל צו פארהיטען דאס לעבען און פארמעגען פון די יודען און געבעטען, זיי זאלען דאס מודיע זיין אלע אדעסער יודען.

— דער „וואסחאד" שרייבט, אז מעהרערע יודישע פאמיליעס פון קיעווער גוב. האבען זיך געווענדעט צו דעם פעטערסבורגער קאמיטעט פון יק"א, אז זיי זענען גרייט צו עמיגרירען קיין בראזיליע. דערויף בעמערקט דער „וואסחאד", אז ווי ער ווייסט פון א זיכערע קוועלע האט מען נאך דערווייל נישט אנגעהויבען צו טון וועגען בעזעצען יודען אין בראזיליע.

— דאס געזעץ וואס אסר'ט יודען צו וואהנען אין דעם גאנצען געגענד פון דער מזרח חינעזישער אייזענבאהן איז, לויט ווי דער „קיעוולאנין" שרייבט, נוגע נאר צו די יודען, וואס שטאמען אב פון פארשיקטע, אבער נישט צו קיין אנדערע יודען.

**ענגלאנד.** ביי דער עמיגראציאנס־קאמיסיע אין לאנדאן האט לארד ראטהשילד געבעטען, מען זאל מחמת די טרויעריגע יודישע לאגע אין קישינוב נישט פארמאכען דאס ענגלישע לאנד פאר די יודישע עמיגראנטען.

## III. ציוניסטישע נייעס.

— דער זעכסטער קאנגרעס וועט זיין אין באזעל און וועט זיך אנהייבען דעם 23 אויגוסט. די טאגעסארדנונג וועט מען אין גיכען בעקאנט מאכען.

— דער אדעסער קאמיטעט פון די „חובבי ציון" האט געוואונען אויף א ווינגרישנעם בילעט, וואס א ציוניסט האט איהר געשאנקען, 5000 רובל.

— אין לאנדאן איז געוועזן א גרויסע אספה פון די ענגלישע ציוניסטען, אויף וועלכע ער איז בעשלאסען געווארען, אז דער איינ־

---

זאל גניסען א ציבעלקע, פארזוכען א קנעבעלקע, איז מיר דער פסוק פון דער מגילה געקומען א קעגען מיט די ווערטער, מיט'ן טראפ און מיט דער נגינה: ובבזה לא שלחו את ידם!... — און איך האב ניט אויפגעהערט צו שלאגען, האקען, בראקען, מזיק'ען, ממית'ן און שניידען אויף שטיקלעך יונג און אלט, קליין און גרויס, ארעם און רייך, אהן א שום רחמנות!

אדרבה, איך האב מיר פארגעשטעלט, אז איך הער זייער שרייען מיט זייער וויינען מיט זייער בעטען זיך ביי מיר — און עס זאל דאס מיך אנהויבען ארען! מערקווירדיג — איך, וואס האב ניט געקאנט זעהען ווי מע קוילעט איין עוף, ווי מע שמייסט א קאץ, ווי מע באליידיגט א הונט, ווי מע שלאגט א פערד, זאל איך זיין אזא מין טיראן, איין אכזר?!... נקמה! — האב איך אפארשכור'טער ניט אויפגעהערט צו שרייען — נקמה! איך וועל זיך מיט אייך אפרעכענען פאר יודיש בלוט! איך וועל אייך שוין באצאהלען פאר ירושלים, און פאר ביתר, און פאר די יודען אין שפאניע מיט פארטוגאל, און פאר די יודען וואס אין מאראקא, און אויך פאר אונזערע וואס אין אומאן אמאל און וואס אין אנדערע ערטער אויך היינט... און פאר די יודישע ספר תורה'ס וואס מע האט צעריסען און פאר די... אי! אי! אי! גוואלד! ראטעוועט! ווער האלט דאס מיך פאר'ן אויהער?!" . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

צוויי רעכטע סטוסאקעס פון אונטען און אפאר כפול־שמונה'דיגע פעטש פון פארינט האבען מיך אין איין כהרף עין אויסגעניכטערט און איך האב דערזעהען פאר זיך א באקאנטען פארשוין, וואס איך וואלט געמעגט שווערען, אז ס'איז „אחרים דער באשטאנשטשיק".

ו

אחרים דער באשטאנשטשיק האט פון קדמונים געהאלטען א „באשטאן", א גארטען, אדער א „באקטשי", ביי אונז אינטערען שטאדט. דאס הייסט ער האט אפגעדונגען א דעסיאטינע ערד און דארטען פארפיהרט א גארטען, געזעצט קאווענעס און דיניעס, אוגערקעס און קארטאפליס, ציבעלעס און קנאבעל און רעטעכלעך און שאר ירקות און געהאט דערפון שען פרנסה. פון וואנען האב איך געקענט אחרימען? ווייל ער האט מיט אונז געהאנדעלט, דאס הייסט ער פלעג לייהען ביי מיין מאמען געלד אלע ערב פסח, און ארום סכות־צייט פלעג ער אנהויבען ביסלעכווייז פונ'ם פדיון איין צאהלען און דאס געלד פלעג פארשריבען ווערען ביי דער מאמען אין גראבען סדור אויפ'ן לינקען טאוועל (דארט איז געווען איהר גאנצע בוכהאלטעריע) אין א זייט, אפגעטראטען פון אחרימס וועגען א באזונדער פלאץ, א באזונדערע קאנטא, און אנגעצייכענט פון אויבען מיט גרויסע אותיות: **חשבון אחרים!**

און נאכדעם איז שוין געגאנגען די חשבונות: פי'ן אחרים אקערבל,

ציגער וועג צו העלפען יודען איז דער ציוניזם לויט דעם באזעלער פראגראם.

---

## ידיעות פון קישינוב.

— אין נומער 105 „המליץ” איז אבגעדרוקט א פאטאגראפיע פון א שטיקל אבגעריסענע ספר תורה, וואס איז צעריסען געווארען בשעת דעם פאגראם אין קישינוב.

— ה' זיגמונד בערגעל אוים בערלין איז געפאהרען אין קישינוב אלס שליח מיוחד פון דעם קאמיטעט הילפס-פעראיין פון דייטשע יודען.

— פיעל פראפעסארען אונ סטודענטען אין פאריז האבען געמאכט א מיטינג וועגען קישינעווער פאגראם. אויף דעם מיטינג זענען צוזאמענגעקומען מעהר אלס 1000 סטודענטען. דער פרעזידענט איז געוועזען דער בעריהמטער געלעהרנטער אנאטאל לערוא-באליע.

— דורך וויען זענען דורכגערייזט איינינע יודישע עמיגראנטען פון קישינוב נאך אמעריקא.

— צום ניו-יארקער בלאט „מארגען זשורנאל” זענען געקומען דעם 6 טען מאי דריי חינעזער אונ האבען געזאגט, אז די חינעזער, וועלכע וואהנען אין ניו-יארק, וועלען עפּים טון פאר די קישינעווער יודען, זיי האבען בעשלאסען צו מאכען א קאנצערט אין חינעזישען טעאטער אונ די הכנסה וועט געהן פאר די קישינובער יודען.

— דעם 24 מאי האט ד״ר הערצל געשיקט א טרייסט בריף צו די קישינעווער יודען.

— אין „הצפירה” איז אבגעדרוקט א דאנק-בריף פון די פאר-שטעהער פון דער קישינובער יודישער געמיינדע צו דעם יודישען קאפעל-מייסטער י. ו. טשערנעצקי, דערפאר וואס ער האט צו-זאמען מיט זיינע סאלדאטען מציל געווען איינינע גאסען פון די פאגראמשטשיקעס.

— די ידיעה, אז גראף טאלסטאי האט געגעבען פאר קישינוב'ער יודען 15,000 רובל איז נישט ריכטיג. ער האט אבער גע-שריבען א בריף צו א יודישען פיאניסט ה' ד. שור, אין וועלכען ער דריקט אוים זיין בעדויערען אויף דעם פאגראם.

— דער רוסישער שריפטשטעלער מאקסים גארקי האט געשריבען א בריף צו די רוסישע צייטונגען, אין וועלכען ער פראטעסטירט געגען דעם פאגראם אונ זאגט, אז די קריסטען דארפען העלפען די פאראומגליקטע יודען.

— אין „הזמן” נומער 34 שרייבט מען: דעם ד״ר כ. ב. האט מען געוואלט הרג'ענען, ווייל מען האט געמאכט אויף איהם א בלבול, אז ער האט אויסגעזויגען בלוט פון א קריסטליך מיידעל. ער האט זיך אבער פארשלאסען אין צימער אונ האט ארויפגעלעגט א פיסטאלעט אויף זיין טיש. איינער א שכן איז אריינגעקומען פרעגען ביי ד״ר כ. ב. צי ער זאל זיך וועהרען מיט א רעוואלווער, האט ער איהם אבגעראטען. שרעקליך שווער איז מיר געווען איבער צוטראגען, דערציעהלט ד״ר כ ב. מען האט מיר דורך דעם טעלעפאן אלץ מודיע געווען אונ איך האב נישט געקאנט העלפען. דעם דריטען טאג, ווען מען האט שוין די שטאדט געשטעלט אונטער „שטרענגע בעוואכונג” אונ מען האט גע-ייסען געברויכען געוועהר, האבען די באסיאקעס געוואלט זיך שלאגען מיט די סאלדאטען. אויף דעם דריטען טאג האבען זיי געוואלט בעפאלען א יודישע פאבריק, עס איז זיי אבער נישט געראטען; דען א סך ארבייטער האבען געהאט ביי זיך וויטריאל, מיט וועלכע זיי האבען בעגאסען די באסיאקעס. אויף דעם פירטען טאג, אז די שטאדט איז שוין אביסל רוהיגער געווארען, זענען איינינע פון די יודישע מתעסקים געגאנגען צונויפקלויבען געלד פאר די פאראומגליקטע, זיי האבען אבער געפונען אלע הייזער פארמאכט, אונ אז זיי האבען אנגעקלאפט האט מען זיי מיט א ציטריג קול געפרעגט: „ווער איז דארט יודען”? אונ אז מען האט זיי געזאגט, אז מען ברויך געלד, האבען זיי געענטפערט: „נאט אייך וויפיעל איהר ווילט”!

---

פון אחרים נאך א קערבל, פון אחרים צוויי קערבלעך, פון אחרים א האלבען קערבל, אונ אזוי ווייטער... אונ חאטש די מאמע איז געווען א יודינע נישט קיין גביר'טע, איין אלמנה מיט קינדער, אונ האט גע-לעבט פון פראצענט, נאר ביי אחרימען קיין פראצענט האט זי ניט גענומען קיין מאל: ער פלעג אונז צאהלען מיט גארטענווארג, אמאל מעהר אמאל ווינציגער, מיר האבען זיך מיט איהם קיין מאל נישט גערעכינט. איז געווען א נערעט פלעג ער אליין אנשיטען אונז א פולען קעלער מיט קארטאפלים אונ מיט אוגערקעס אויפ'ן גאנצען ווינטער, אונ אז ניט, פלעג ער זיך אפבעטען ביי דער מאמע:

— נע וויבאטשאי, אווראומיכא, בא נע ווראדילא! דאס הייסט: האב קיין פאראיבל ניט, אברהמ'ס ווייב, ס'איז ניט געראטען: אונ די מאמע פלעג איהם מוחל זיין דאס מאל אונ אנזאגען, אז אם ירצה השם אויפ'ן אנדערען יאהר זאל ער ניט זיין קיין דבר-אחר, אונ טאקי אזוי זאגען איהם כהאי לישנא ממש?

— ליאדיוש, אחרימאו סערדצע, יאק באה דאסט נא טאי האר שאב טי נע באוו סוויניא!...

— דאברע, אווראומיכא דאברע! - פלעג איהר אחרים אפענפערען אונ האלטען ווארט: די ערשטע גרינע ציבעלים מיט'ן ערשטען יונגען קנאבעל האט ער תמיד געבראכט צו טראגען אונז; די ערשטע יונגעטשקע קארטאפלילעך מיט די ערשטע גרינע אוגערקעס זענען תמיד געווען ביי אונז, גיכער ווי ביי די נגידים, אונ איך האב ניט איין מאל גע-הערט פון אונזערע שכנים אונ שכניטעס, אז דער אלמנה איז גאר ניט אזוי שלעכט, ווי זי מאכט דעם אנשטעל. זעהט נאר, מע טראגט איהר אריין אין שטוב אריין פון כל טוב... סע פארשטעהט זיך, אז איך האב דאס באלד אפגעטראגען דער מאמען אין אויהער אריין, האט זיי די מאמע גוט אויסגעשאלטען:

— זאלץ זיי אין די אויגען, שטיינער זיי אין הארצען! ווער סע פארגינט מיר ניט, דער זאל אליין ניט האבען! איך ווינש זיי איבער א יאהר אויף מיין שטייגער!

סע פארשטעהט זיך, אז איך האב דאס באלד איבערגעגעבען אונזערע שכנים אונ שכניטעס, וואס די מאמע האט זיי געווינשעוועט... סע פארשטעהט זיך, אז פאר אזעלכע ווערטער זענען זיי געווען אויף דער מאמע להרוג ולאבד אונ אנגערופען זי מיט אזא נאמען, וואס מיר איז געווען א חרפה צו הערען... סע פארשטעהט זיך, אז מיך האט דאס פארדראסען אונ איך האב דאס באלד אפגעטראגען דער מאמען, האט מיך די מאמע מכבד געווען מיט צוויי פעטש אונ אנגעזאגט, איך זאל אויפהערען ארומטראגען „שלח מנות” פון איינעם צום אנדערען... פון די פעטש האב איך געוויינט, אונ דאס ווארט „שלח מנות” האט מיר געפיקט אין מח: איך האב ניט פארשטאנען פאר וואס רופט זי דאס עפּים „שלח מנות”?

— פיעל פון די, וואס האבען זעהר שטארק געליטען פון דעם פאגראם, האבען פונדעסטוועגען נישט דערלאנגט קיין בקשות צום הילפס־קאמיטעט, ווייל זיי ווילען נישט אנקומען צו נדבות.

— די צייטונג „זנאמיא". פון וועלכע'ר דער בעוואוסטער אנטי־סעמיט קרושעוואן איז דער רעדאקטאר, האט מען פארבאטען צו פארקויפען איינצעלנע נומערן.

## ווער איז קרושעוואן?

קרושעוואן וואס זייט ער איז געווארען רעדאקטאר פון „בעסעראבעץ" הערט ער נישט אויף צו העצען אויף יודען און כמעט נאר איהם האבען די קישינוב'ער יתומים און אלמנות צו פערדאנקען זייער אומגליק, איז א מאלדאוואן און שטאמט ארויס פון פראסטע עלטערן. פאר 9 יאהר צוריק איז ער געוועזען א שרייבערל ביי איין אקציזניק. די שטעלע האט מען איהם געגעבען נישט פאר זיין בילדונג, נאר פאר זיין שענע האנדשריפט. מיט זיינע חניפות, אויף וועלכע ער טויג זיך, איז ער אין אקציז־פערוואלטונג געשטיגען ביז א „נאדסמאטראשציק" (אויפזעהער), ווייטער אבער האט ער נישט געקאנט שטייגען, ווייל ער האט נישט די בילדונג, וואס איז דערצו נייטיג און האט זיך דעריבער געווארפען אויף ליטעראטור. ער איז אוועק אין ווילנא און איז אנגעקומען פאר א שרייבער אין „ווילענסקי וויעסטניק". זיין ארבייט איז בעשטאנען אויסצווייזען, אז דא געפינט זיך א שענק אהן א פאטענט, דא פערקויפט מען טאבאק אהן באנדראלען וכדומה. צוויי יאהר שפעטער איז ער צוריק נאך בעסעראביע געקומען און איז אנגעקומען אין „בעסעראבסקי וויעסטניק" אלס מיטארבייטער. די אנדערע מיטארבייטער, וואס האבען געקענט, וואס פאר א נידריגער נפש דער קרושעוואן איז, האבען אויפגעהערט צו ארבייטען אין דעם „בעסעראבסקי וויעסטניק" און מען האט איהם מעהר אין דער רעדאקציע נישט געהאלטען און קרושעוואן איז אהן א קאפּיקע געלד געווארען למזל א רעדאקטאר. האט מען איהם אויפגעהערט געטרויען פאפיר דאט ער געזידעלט אין זיין בלאט, האט איהם דער דרוקער נישט געוואלט מעהר דרוקען, וואו ער וועט נישט בעצאהלען, וואס עס קומט פון איהם, האט ער געשריבען געגען איהם איין ארטיקעל, קיין גרויסע גליקען האט ער קיינמאל פון זיין בלאט נישט געמאכט און האט עס דעריבער פערקויפט א געוויסען מאלסקי און האט אנגעהויבען אין פעטערסבורג ארויסגעבען דאס אנטיסעמיטישע בלאט „זנאמיא". א פנים דערביי האט ער אויך קיין געלד נישט געשמידט און האט געוואלט צוריק נעמען דעם „בעסעראבעץ". דערויף האט איהם ה' מאלסקי אנגעגעבען אין סוד און דאס געריכט, האט פון איהם צוגענומען די צייטונג „בעסעראבעץ" און איבערגעגעבען ה' מאלסקען.

אט פון אזא שענעם פארשוין ליידען די בעסעראבער יודען און עד היום הערט ער ניט אויף צו בילען אויף יודען.

## פיער וועלטען.

א שענע ווארעמע פריהלינג־נאכט...

דער אויסגעשטערנטער הימעל בעגריסט מיט ליבשאפט די פייכטע פון טוי גרעזלעך און בלומלעך, א ווינטעל שאקעלט מיט רחמנות די נידריגע בוימלעך און בעשיט די ערד מיט ווייסע פוכגע בלומען־בלעטלעך פון די פרות־בוימער. אלץ ארום שמעקט זיס און פריש. די נאטור האט אויפגעלעבט נאך דעם לאנגען ווינטער־שלאף, און פוצט זיך אוים ווי א רייכע גבירתה מיט אלע איהרע עשירות.

און די צופרידענע מינע פון דער נאטור, די שטילקייט און דער געשמאקער ריח פון ארום גיט צו מוט אויך די איבריגע ברואים.

אלץ ארום לעבט און שוועבט...

און אינוועניג אין דעם גרויסען זאל פון דעם איינשטאקעדיגען הילצערנעם הויז ביי א שווארצען טיש אונטער א רייך בעפוצטעז זשיראנדעל שאקעלט זיך איבער דעם „תקון שבועות" א דיק יודל

ז

— א יום טוב פלעג זיין ביי מיר, אז איך פלעג דערזעהען פון דערווייטען אחרימען מיט די גרויסע שטיוואלעס און מיט דער גראבער ווייסער, ווארעמער, וואלענער סוויטע, וואס ער האט זי געטראגען זומער און ווינטער. דערזעהען אחרימען געהן, האב איך געוואוסט, אז דאס טראגט ער אונז אפילו פעלענע מיט גארטענוווארג, און איך פלעג לויפען אין קעך אריין אנזאגען דער מאמע די בשורה, אז אחרים איז געקומען, און אחרים, אהן א גוט־מארגען, פלעג אויסלעדיגען די פאלע און אהן א וייט געזוגט אוועק געהן, און אז די מאמע האט גענומען בעטראכטען וואס אחרים האט געבראכט צוטראגען און ס'איז איהר דארט עפּיס ניט געפעלען, האט זי זיך ניט געפוילט איהם א רוף טהון צוריק און אשמיץ טהון איהם גלייך אין פנים אריין און נאך גוט אוים שעלטען, ער זאל ניט זיין קיין „דבר אחר"!... און אחרים האט אפגעשווינען, געפיהלט אז ער איז א „דבר אחר", צוגענומען צוריק, צוגעזאגט ברענגען מארגען א בעסערס און מארש.

נאר דער גרעסטע'ר פון אלע יום־טובים איז ביי מיר געוועזען דעמאלט ווען עס זענען אויסגעקומען די דיניס, מיט די קאוועגעס; דעמאלט פלעג אחרים מיר ברענגען פון מיינעטוועגען באזונדער אמאל א קליין דינקעלי, אמאל א קליין קאווענדל. און חאטש זיי זענען געווען גרין און האבען געהאט אזא טעם, וואס מע האט זיך געקענט מיט זיי סמ'ען, פון דעסטוועגען איז די מתנה געווען ביי מיר אזוי אנגעלעגט, אז איך זאל מיך ניט שעמען וואלט איך איהם ארומגעהאפט קישען.

בכלל דארף איך מיך מודה זיין, אז צווישען מיר מיט אחרימען איז געווען א מין ליבע א פארבארגענע, א מין סימפאטיע, וואס מע קאן זי ניט ארויסגעבען אין ווערטער. גערעדט האבען מיר צווישען זיך כמעט קיין מאל ניט; ערשטענס דערפאר וואס איך האב ניט פארשטאנען זיין לשון און ער האט ניט פארשטאנען מיין לשון (ראס הייסט איך איהם האב פארשטאנען, נאר ער מיך מכות!) און צווייטענס האב איך מיך געשעמט; אזא גרויסער אחרים — ווי אזוי רעדט מען מיט איהם? פלעג איך דארפען אנקומען צו דער מאמע, זי זאל זיין צווישען אונז דער טלאמאטש.

— מאמע! פרעג איהם, פאר וואס ברענגט ער מיר ניט קיין ווינשעל?

— וואו זאל ער דיר נעמען ווינשעל? אין א באשטאן איז ניטא קיין ווינשעל.

— למאי איז ניטא אין א באשטאן קיין ווינשעל?

— ווארום אין א באשטאן וואכסען ניט קיין ווינשעל־בוימער.

— למאי וואכסען ניט אין א באשטאן קיין ווינשעל בוימער?

מיט א האלב־גרויליכען בערדל. די הענט האלט ער אריינגעשטעקט אין דעם גארטעל פון שלאפראק און זינגט זיך בנעימות דעם סקארבאווען נגון.

ער זאגט ווארט ביי ווארט און איז אזוי אריינגעלאזען אין די ווערטער, אז ער בעמערקט ניט די שענקייט פון דער נאכט און הערט אפילו ניט ווי אין קיך, וועלכע איז ניט ווייט פון דעם זאל, רוישט און קלאפט.

דארטען געוועלטיגט יעצט די בעל־הביתטע פון דעם הויז, א הויכע דיקע יודענע פון א יאהר פערציג. דער פאריק האט זיך איהר עטוואס ארויפגערוקט און עס בעווייזען זיך עטליכע פארבלאנדזשעטע שווארצע האר. צוויי דינסטען טראגען איהר צו אלץ, וואס מען בעדארף האבען צו די מילכיגע „קרעפלעך“, און זי אליין רוהט אויך ניט, קאמאנדירט פעסט, גלייך ווי איין עלסטער מיט זיין ־אטע סאלדאטען און ווי עס איז קענטיג האט זי א שטארקען בעגריף אין די קיךעסקים. זי רוהט ניט גלייך ווי איהר צונגעל אין מויל, יעדע מינוט האט זי וואס צו זאגען נייעס. און עס איז אויך ניט קיין וואונדער, דאס הויז־געזינדל איז א גרויסע. מארגען בעדארף זי לכבוד יום־טוב געהן דאווענען בעצייטענס אין שוהל, און זי וויל מיט א כון אלץ בעצייטענס אנגרייטען, כדי זי זאל מארגען זיין אין גאנצען פריי, און עס קלאפען די האקמעסערס, עס רוישען די מיהלעכלעך, עס שפאלטען זיך די שייטלעך האלץ איינע נאך דער אנדערע, דאס שמאלץ פרעגעלט זיך אויף דער ענגלישער קיך מיט גרויס רעש, צייטענווייז חאפען זיך ארויס ווי פון דעם געפענגניש הייסע ברענענדיגע רויטע פונקען און עס קאכט אין קיך ווי אין א קעסעל.

— די קרעפלעך זענען גאט צו דאנקען געראטען! — זאגט ענדליך די בעל־הביתטע מיט גאוה צו זיך אליין — א סימן אויף א פרייהליכען יום טוב!

און אין א צווייטען צימער מאכט אין דער זעלבער צייט גרויסע שפרייזען איבער די פאדלאגע דער עלטערער זוהן. ער האט נאר וואס אוועקגעלעגט אן א זייט א קליין ספר׳ל און זיין גאנץ געזיכט האט זיך ווי אנגעצונדען, די גרויסע שווארצע אויגען שיסען מיט פייער, ער מארשירט האסטיג און רעדט צו זיך אליין. זיין מח איז פול מיט רעיונות און ער העלפט זיך צו מיט די הענט. צייטענווייז בעווייזט זיך א שמייכעל אויף זיין בלאסען פנים, גיך אבער ווערד פארשוואונדען די צופרידענהייט און די נערוועזען רעגען זיך ווידער אויף. „קאנגרעס, דעלעגאטען, קולטורע“ חאפען זיך איהם ארויס פון מויל איינצעלנע ווערטער גלייך ווי בגנבה. נאר ער הערט זיי אליין ניט און מורמעלט ווייטער אונטער דער נאז, פאר איהם עקזיסטירט אויך ניט די שענע פריהלינג־נאכט מיט איהר גאנצען כשוף, זיינע האלב פארשלאפענע אויגען בעמערקען אויך ניט די רייכקייט פון דער ערד מיט דעם שמייכעל פון הימעל, ער הערט אפילו ניט דאס זיסע טרילען פון דעם נאכטיגאל אין ווייטען נוס־וועלדעל. די ברייטע פאנטאזיע האט איהם אוועקגעטראגען ווייט גאנץ ווייט, אין אנדערע לענדער, אנדער פעלדער און זיין אומרוהיגער שארפער בליק קוקט אויס דעם מזרח־שטערן...

*

איין איינציג נפש נאר פון דער גאנצער פאמיליע נעמט די אויגען ניט אוועק פון דעם אפענ׳ם פענסטער און אטעמט צוזאמען מיט דער נאטור. זי איז אויך שטארק אויפגערעגט, נאר דאך רעדט זי א ווארט ניט. די ברוסט בעוועגט זיך האסטיגער ווי תמיד, די שווארצע האר זענען צעווארפען ניט אין ארדענונג. מען קאן אויף איהר געזיכט בעמערקען פארצווייפלונג און שרעק, און די דינע קנייטשען אויפ׳ן בלאסען ווייסען שטערען זאגען אויס דעם סוד, אז דער קליינער מח׳ל פון דער בת־יחידה האט וועגען וואס צו קלערען...

צייטענווייז דרעהט זי אוועק אויף א ווילע דאס קעפל פון דעם אפענעם פענסטער, הערט זיך צו צו דעם טאטענס אומרוהיגען נגון און דאס קלאפעריי פון קיך, צו איהרע קליינע אייערלעך דערגרייכט אויך דעם ברודערס מורמעל. דאס געדויערט אבער נאר א גאנץ

---

— למאי, למאי, למאי — דו ביזט א געשלייערטע שיקסע! מאכט צו מיר די מאמע און ווארפט מיר אויף א פאטש.

— אווראומיכא, נע בעיי דעטינא! — מאכט צו איהר אחרים און שטעלט זיך איין פאר מיר.

אט אזא מין ערל איז געוועזען אחרים און ביי איהם בין איך דאס געלעגען אצינד אין די הענט.

ח

מיט׳ן שכל בעדארף מען פארשטעהן, אז ס׳איז מן הסתם אזוי געוועזען די מעשה: אחרים, אז ער איז אנגעקומען און דערזעהען ביי זיך אויפ׳ן באשטאן אזא חורבן, האט ער תחילת בעדארפט ניט פארשטעהן וואס טהוט זיך דא. דערזעהען אזא נפש ווי איך ארבייטען מיט דער שווערט אויף אלע זייטען, האט אחרים בעדארפט איבערקלערען אויף מיר מי יודע וואס: — א ניט גוטער, א שרעטעלי איין אנשיקעניש. און האט געוויס זיך איבערגעצלמ׳ט עטליכע מאל. נאר נאכדעם, אז ער איז צוגעגאנגען נעהנטער און דערזעהען, אז דאס ארבייט אזוי געטריי דוקא א יודיש יונגל און דוקא מיט א הילצערנע שווערט, האט ער מיך אנגענומען ביים אויהער. נאר אזוי געשמאק, אז עס האט מיך צוגעצויגען צו דער ערד און איך האב אנגעהויבען שרייען ניט מיט מיין קול:

— אי! אי!! אי!!! ווער ציהט דאס מיך פאר׳ן אויהער?!

ערשט העט שפעטער נאך די רעכטע סטוסאקעס און נאך די אמת׳ע פעטש, וואס אחרים האט מיר איינגעטיילט האבען מיר זיך באגעגנט מיט די אויגען און האבען זיך ביידע דערקענט איינם דאס אנדערע, און מיר זענען ביידע געוועזען איבערראשט, געבליבען אהן לשון.

— אווראומיכנע דעטינא!? — האט אחרים אויסגעשריגען און האט זיך איבערגעצלמ׳ט, און האט גענומען באטראכטען די היזקות, וואס איך האב איהם דא אנגעארבייט. באקוקט יעדע גראדקע מיט איטליכ׳ס שטיקל ערד און עס האט איהם אזוי אנגענומען ביים הארצען, אז עס האבען זיך איהם געשטעלט טרערען אין די אויגען. ער האט זיך אוועקגעשטעלט אקעגען מיר צענויפגעלעגט ביידע הענט ביי זיך אויפ׳ן בויך און א פרעג געטהאן מיך נאר איין ווארט:

— זא שטשא? — פאר וואס קומט דאס מיר, הייסט דאס...

ערשט דא האב איך צעקייעט וואס פאר א חתונה איך האב אנגעארבייט און ו ע מ ע ן איך האב אזוי שטארק גורם היזק געוועזען, און איך האב זיך אליין געפרעגט: „פאר וואס“, און אקוואל פון טרערען זענען געווארען מיינע אויגען . . . . . . . . . . . . . . . . .

— חאדים! — מאכט צו מיר אחרים און נעמט מיך אן פאר א

קורצע ווײלע און זי פערטיפט זיך איבער א נייעס אין די סודות פון די בוימער, אין דעם שושקען זיך פון די גרעזלעך און די שטילע רוהיגע נאכט האט איהר אויך וואס צו זאגען.

פון נאס הערען זיך טריט, אויף דעם הילצערנעם טראטואר הערט זיך פעסטע טריט...

אין געזיכט פון דער בת־יחידה בײטען זיך אלע קאלירען, איהר אויפרעגונג ווערד גרעסער פון מינוט צו מינוט. איין עלעגאנטער יונגער מאן אין א בינאקעל מיט שווארצע וואנסעס רוקט זיך צו וואס אמאל נעהנטער, נאך א מינוט און זיין הויכע שלאנקע פיגור בלייבט שטעהן פאר דעם אפענעם פענסטער.

דער ווינט האט שטארק א בלאז געגעבען, עס הערט זיך א שטילער שמועס...

— אלץ פארטיג? פרעגט א מענער קול.

— ווי געזאגט — ענפערט שוואך א פרויענשטים.

— זייגער צוועלף? פרעגט ווידער דער ערשטער קול.

— אקוראט — ענפערט נאך שטילער דער צווייטער.

און עס ווערד ווידער שטיל. די טריט דערווייטערען זיך, דער ווינט בלאזט, קלײנע בלימעלעך און בלעטעלעך פאלען אראב אויף דעם פייכטען גראז.

און אין גרויסען זאל זאגט „תיקון" דער פאטער, אין קיך קאמאנדעוועט מיט רעש די מוטער, דער עלטערער ברודער פליהט אין זיינע הויכע פאנטאזיעס, און די יונגע טאכטער קוקט אויס מיט אונגעדולד, דער זייגער זאל שלאגען האלבע נאכט...

מ. י. פרייד.

---

* * *

און האט איהר גערויבט מיר די פרייד פון מיין יוגענד,
מיך אין פעסטונגען ענגע פערשלאסען,
און האט אייער אויער מיין געבעט ניט פערנומען,
און ס'זענען אומזוסט מיינע טרערען פארגאסען. —

ניט אלץ דאך האט איהר מיר גערויבט אין מיין לעבען:
עס לעבט נאך א חלום ביי מיר אין מיין הארצען;
און שען א"ז מיין חלום ווי א שטראהל ווי א ליכטיגער,
ווי א שטראהל רייסט ער דורך אויך דעם וואלקען דעם שווארצען.

טראג זשע מיך ווייט, ערגיץ ווייט, שענער חלום,
איך וועל אויך א ווײלע פארגעסען צו ליידען! —
זאל שווארץ זיין די נאכט און זאל שווער זיין דער וואלקען —
מען זאל נאר פון דיר מיך ניט שיידען!

א. י. שטיינבערג.

---

# די סחורות און זייער ווערט.

די הויפט כלי־זיין אין דער שווערער מלחמה, פאר'ן קיום, וואס קומט אוים צו פיהרען דעם מענשען מיט דער נאטור — איז די וויסענשאפט. די וויסענשאפט לעהרנט אוים די ערשיינונגען און די כחות פון דער נאטור, בעווייזט זייער שייכות איינער צום אנדערען, זייערע גוטע און שלעכטע זייטען, זי לעהרנט אוים דעם מענשען, ווי צו עקספלאאטירען, ווי אויסצוניצען די גוטע זייטען און ווי מלחמה צו האלטען מיט שלעכטע זייטען. זעלטען אבער בעשאפט אונז די וויסענשאפט נייע כחות אין דער נאטור. זעהר זעלטען ענטדעקט זי אונז נייע וועגען אין דעם אלגעמיינעם וועלטאל (בריאה). — געוועהנליך הייבט פריהער דאס לעבען אליין אן, זיך צו בענוצען בלינדערהייט, אונוויסענד, מיט די כחות און ערשיינונגען פון דער נאטור. די וויסענשאפט קומט צו הילף ערשט שפעטער, ווען די געוויסע ערשיינונג איז שוין איבער געחזר'ט געווארען איינינע מאל אין לעבען, ווען די מענשהייט האט זיך שוין כמה־מאל בענוצט מיט דעם. דענסטמאל קומט ערשט די וויסענשאפט און גוט דעם פשט און אנדערע מאל

---

האנט און איך בייג זיך צו צו דער ערד פאר שרעק, איך מיין אט־אט מאכט ער פון מיר אפרעזשעניצע. נאר אחרים טשעפעט מיך ניט; ער האלט מיך נאר שטארק פאר דער האנט, נאר אזוי שטארק, אז עס קריכען מיר די אויגען פונ'ם קאפ, און פיהרט מיך אפ אהיים צו דער מאמע און דערצעהלט איהר אוים אלסדינג און גיט מיך איבער אויף איהרע הענט . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

זאל איך אייך דערצעהלען, וואס איך האב געהאט פון דער מאמע? זאל איך אייך אויסמאלען איה־ שרעק מיט איהר כעס מיט איהר ברעכען די הענט, בשעת אחרים האט איהר איבערגעגעבען מיט אלע פישטשיוקעס דעם גאנצען חורבן, וואס איך האב איהם אנגעמאכט אין באשטאן? אחרים האט זיך ניט געפוילט, גענומען דעם שטעקען און באוויזען מיט איהם דער מאמע, ווי אזוי איך האב געארבייט אהער און אהין אויף אלע זייטען, ווי אזוי איך האב געהאקט און געבראקט און געשטאכען און געשניטען און געטראטען מיט די פים און די קארטאפלים פון דער ערד ארויסגעגראבען און די האדענע פון די אוגערקעלעך, נאר וואס אויפגעגאנגען אונערקעלעך... און פאר וואס? פאר ווען?

— זאשטשא, אווראומיכא, זאשטשא?...

מעהר האט אחרים ניט געקאנט רעדען; עס האבען זיך איהם אפנים געשטעלט די טרערען אין האלז, און מיר האבען אלע געוויינט, אלע דריי: איך און די מאמע און אחרים: אחרים אויף זיין הארעוואניע וואס איז פארפאלען, די מאמע אויפ'ן היזק, וואס זי האט געהאט דורך מיר, „האלב קאפיטאל". האט זי געשריגען „האלב קאפיטאל" ברענען זאלסט דו"! און איך האב געוויינט — איהר דארפט זיך שוין שטויסען פאר וואס...

דעם רעכטען אמת מוז איך אייך זאגען, איך וואלט בעסער געוואלט זיין געפאטשט פון אחרימאווס הענט, איידער האבען דאס וואס איך האב געהאט פון דער מאמע פאר שבועות און פונ'ם רבין נאך שבועות... היינט די בזיונות, וואס איך האב נאכדעם געהאט א גאנץ קיילעכיג יאהר פון מיינע חברים אין חדר, וואס האבען מיר צוגעזעצט זעהר אלייטישען נאמען: „באשטאנטשיק", „יוסיל באשטאנטשיק"!... דער דאזיגער שענער נאמען איז מיר פארבליבען העט כמעט ביז דער חתונה...

אט ווי אזוי איך בין געגאנגען רייסען גרינם אויף שבועות!

אויף דעם טעם דערפון. פיעלע ערשיינונגען זענען דא אין דער נאטור, וואס צו ליב זייער אפטען איבער חזר'ן זיך ווערען מיר זעהר צו געוואוינט צו זיי און זיי ווייזען אונז אויס אזוי פשוט, אז אונז דאכט זיך, אז אנדערש קאן גאר ניט זיין און עס פאלט אונז גאר ניט איין צו פרעגען, פאר וואס איז דאס אזוי? און גראד אין אזוינע ערשיינונגען ליגען פארבארגענע סודות און געזעצען, וועלכע וואלטען געוויס פארלייכטערט די שווערע מלחמה פאר'ן קיום, ווען מען וואלט זיי ענטדעקט. „וויפיל פילאזאפיע דארף מען האבען צום פארשטעהן דאס, וואס עס קומט פאר ביי אונז אין אלטעגליכען, געוואהנליכען לעבען" האט געזאגט דער בעוואוסטער פראנצויזישער דענקער זשאן זשאק רוססא. און דאס איז גאנץ ריכטיג, ווען מיר בעטראכטען די אונוויסענהייט און אונזער שוואכקייט אינ'ם פארשטעהן די ארומיגע ערשיינונגען.

זעהר פילע ענטדעקונגען און ערפינדונגען פון די לעצטע צייטען האבען מיר צו פארדאנקען דעם ענגלישען געלעהרנטען ניוטאן דער פאר, וואס ער האט ענטדעקט דעם טעם פון די פשוט'ע ערשיינונג וואס יעדע זאך פאלט צו דער ערד. וויפיל אמת ליגט אין דער מיינונג, וואס געהט ארום אין פאלק, אז די אייזענבאהן איז ערפונדען געווארען א דאנק א קעכעדיגער קאווע!

עס קאן זעהר זיין, אז די מענשען וואלטען זיך ניט מעהר אזוי געקוויילט, ווען זיי זאלען פארשטעהן דעם שכל און דעם טעם פון די איינפאכע ערשיינונגען, וועלכע רינגלען אונז ארום?...

נאר ווי שווער עס איז ניט צו פארשטעהן די ערשיינונגען, וועלכע קומען פאר אין דער אויסערליכער נאטור, זענען די ערשיינונגען פון אונזער געזעלשאפטליכען לעבען, די ערשיינונגען, וועלכע קומען פאר בין אדם לחבירו, נאך ווייניגער אויסגעפארשט און בעלייכט.

עס זענען דא זעהר פיעל געזעצען אין אונזער געזעלשאפטליכען לעבען, וועלכע ווערען איבער געחזר'ט יעדען טאג זעהר פיעלמאל, אבער ניט ווייניג מיה און צייט האט געקאסט די געלעהרנטע איידער זיי האבען פארשטאנען די בעדייטונג און די סבה דערפון. אלס ביישפיל קאן אונז דינען די „ווערט" פון די סחורות. דאכט זיך: ווער ווייס דאס ניט ווערט פון סחורות? יעדער ווער עס איז נאר אביסל בעקאנט אין הלכות מסחר ועט קענען לייכט זאגען פאראויס וויפיל עס דארף קאסטען די אדער יענע סחורה, יעדער פשוטער יונגל אפילו ווייסט אז אבייגעל, למשל, קאסט א קאפיקע און א געפלאכטענער זעמעל 2 קאפ.! אבער אין דער פשוטער זאך ליגט א טיפער און שכל'דיגער געזעץ, וועלכע איז ענטדעקט געווארען נאר אין די לעצטע יאהרען.

אט וועגען דעם געזעץ, וואס איז בעקאנט אין דער וויסענשאפט אונטער דעם נאמען „ווערט", וועלען מיר איצט רעדען.

ווער בעשטימט די „ווערט" פון סחורות? אין פלוג ווייזט אויס, אז די סוחרים, וועלכע האנדלען מיט דער סחורה, בעשטימען די ווערט אז דאס ווענדט זיך נאר אן זיי אליין.

אז די דאזיגע מיינונג איז פאלש קאן מען זיך לייכט איבערצייגען. מיר וויסען גאנץ גוט, אז יעדער סחורה האט אין פארשיעדענע ערטער און אין פארשידענע צייטען א גאנץ אנדערע ווערט. איין ארשין טוך, למשל, אין אמעריקא קאסט אסך ביליגער ווי אין רוסלאנד. אין רוסלאנד גופא ווידער האט געקאסט מיט 20—50 יאהר צוריק איין ארשין טוך אסך טייערער ווי איצט. ווען דאס זאל זיך ווענדען נאר אן די סוחרים, טא ווי קומט עס, אז גראד אין אמעריקא אדער אין ענגלאנד קאסט ביליגער ווי אין רוסלאנד? אמת טאקי די אמעריקאנער סוחרים זענען גרויסע בריה'ס און האנדלען גרעסער ווי די רוסישע, אבער ווי קומט עס אז גראד אין אמעריקא זענען אלע חכמים און דא — נאראנים. אמת דעם אמעריקאנער סוחר קאסט אפילו די רויהע מאטעריאל און מאשינעס ביליגער — אבער אלץ קשה: פאר וואס קויפט ער טאקי איין ביליגער ווי דער רוסישער סוחר?

בכדי צו פארשטעהן גוט דעם שכל פון ווערט מוזען מיר פריהער רעדען איניגע ווערטער וועגען סחורות און מסחר בכלל.

די הויפט־בעשעפטיגונג פון דער ציוויליזירטער מענשהייט איז דער מסחר. דאס הייסט קויפען און פארקויפען סחורות. היינט איז ניטא איין מענש, וועלכער זאל קענען אויסקומען אהן מסחר. דער פראסטער ארבייטער, וועלכער האט ניט קיין אייגענע אינסטרומענטען, מיט וועלכע ער זאל קענען פיהרען א זעלבסטשטענדיגען ווארשטאט, פארקויפט זיין ארבייטס־קראפט פאר געלד, דאס געלד בייט ער אויס אויף סחורות, וועלכע זענען איהם נייטיג: קליידער, מזונות, א דירה אז"וו. דער בעל־מלאכה ווידער קויפט רויהע מאטעריאל, מאכט פון זיי א כלי, א נוציגע זאך, פארקויפט זי פאר געלד, און קויפט אנדערע סחורות. ווער רעדט שוין פון די סוחרים אליין, ביי זיי איז דאך דער מסחר דאס גאנצע לעבען. יעדער סוחר שטרעבט צו האבען וואס מעהר סחורות, דען וואס מעהר סחורות ער האט איז ער אלץ רייכער. אפילו ווען איך וויל וויסען בכלל ווי רייך די אדער יענע געזעלשאפט איז, קאן איך נאר וויסען לויט דעם צאהל סחורות, וויפיעל זי פארמאגט.

א סחורה מוז האבען אין זיך צוויי אייגענשאפטען: 1) מוז זי האבען א בעל־הבית, וועמען זי געהערט, 2) מוז זי זיין נוציג, זי מוז קענען צופרידען שטעלען א געוויסע מענשליכע בעדערפנים. ווען זי זאל ניט זיין נוציג וואלט איהר קיינער ניט קויפען און זי וואלט זיך דעמסטמאל ניט קענען רופען א סחורה. שפייז, למשל, ווען מען פארקויפט איהר ווערד זי אנגערופען א סחורה, ווייל זי שטעלט צופרידען די בעדערפנים פון מענשליכען קערפער צו זיין זאט, קליידער — צו צושטעלען א געוויסען גראד ווארעמקייט, וואס איז נייטיג דעם מענשליכען ארגאניזם. קויפען ביי א לעהרער א שעה־צייט צו לערנען מיט מיר אליין אדער מיט מיינע קינדער, וועט אויך הייסען א סחורה, ווייל דאס שטעלט צופרידען דאס בעדערפנים פון בילדונג אז"וו.

די אייגענשאפט פון דער סחורה צופרידען צו שטעלען א געוויסע מענשליכע בעדערפנים ווערד אנגערופען: „געברויך ווערט".

עס זענען אבער דא א סך זאכען, וועלכע האבען א געברויך ווערט, זיי זענען זעהר נוציג דעם מענשען און פון דעסטוועגען רופען זיי זיך אלץ ניט אן א סחורה, ווי: די ליכטיגקייט פון דער זון, לופט, רעגען, וואסער אין טייך אז"וו, זענען זעהר נייטיג דעם מענשען, אהן זיי קאן בכלל דער מענש ניט אויסקומען און זיי רופען זיך פון

דעסטוועגען ניט סחורות. די דאזיגע זאכען זענען דא אזוי פיעל אויף דער וועלט, דאס יעדער מענש האט די מעגליכקייט זיי צו בעקומען אהן שום מאטערניש, אהן א ברעקל כח און קיינער וועט דעריבער דערפאר ניט געבען א גראשען. קוים אבער האבען די זאכען אין זיך אביסל מענשליכען כח, ווי למשל וואסער אין שטאדט, אויף וועלכע מען האט שוין געמוזט לעגען כח, צו ברענגען פון טייך, דענסטמאל קאן מען איהר שוין ניט בעקומען אומזוסט און ממילא האט דאס שוין א געוויסען געלד־ווערט אדער א סחורה־ווערט. די סחורה־ווערט ווערד אנגערופען אנדערש טויש ווערט. ווייל זיי ווערען אויסגעטוישט אויף איין אנדער זאך.

יעדע סחורה טויש־ווערט מוז האבען אין זיך א געברויך־ווערט (זי מוז זיין נוציג), אהן א געברויך־ווערט קאן קיין טויש־ווערט ניט זיין. דערפון איז אבער ניט געדרונגען פארקעהרט—אז יעדיז געברויך־ווערט מוז האבען א טויש־ווערט. ווי מיר האבען איצט געזעהען זענען דא זעהר פיעל פראדוקטען, וועלכע האבען א געברויך־ווערט און האבען ניט קיין טויש־ווערט. בכדי צו האבען א טויש־ווערט, ד״ה זיין א סחורה, מוז דער פראדוקט דורכאויס האבען אין זיך מענשליכען כח.

(ענדע קומט).

א. ש. זאקס.

---

# פארצייטישע יאהרען.

(עטליכע פארצייטישע, וועניג בעקאנטע יודישע פאגראמען).

א.

בשעת חמיעלניצקי האט בעלעגערט די שטאדט לעמבערג (שנת ת״ח), האט ער מודיע געווען די דארטיגע קריסטען, אז אויב זיי וועלען איהם ארויסגעבען די יודען, וועט ער די שטאדט צורוה לאזען. די קריסטען האבען אבער געענטפערט: „יודען זענען גלייך מיט קריסטען גרייט צו שיצען די שטאדט, מלחמה צו האלטען און דאס לעבען מקריב צו זיין פאר דעם כלל“. *)

די מעשה ווייזט אונז, אז יודען האבען דאמאלס אין לעמבערג גוט געלעבט מיט די קריסטען און דאך איז זעכצעהן יאהר דערנאך געוועזען א שרעקליכער פאגראם, אין וועלכען עס זענען הונדערטער יודען גע׳הרג׳עט געווארען, יודיש פארמעגען און שוהלען זענען געראובט געווארען און פיעל קינדער זענען געפאנגען געווארען.

די מעשה פון דעם פאגראם האט בעשריבען באריכות א קאטוילישער גייסטליכער, טאמאש יוזעפאוויטש, אין זיין ווערק „די געשיכטע פון דער שטאדט לעמבערג פון 1634 ביז 1690־טען יאהר“ **)

זיין בעשרייבונג האט ביי אונז א גרויסען ווערט איבער 2 טעמים: ערשטענס ער האט מיט זיינע אויגען די גאנצע מעשה געזעהען. און צווייטענס, פון זיין שרייבען זעהט מען גוט, ווי די קאטוילישע גייסטליכע האבען דאמאלס געקוקט אויף יודען און ווי זיי האבען אזא שרעקליכען פאגראם בעטראכט.

מיר געבען דא איבער זיין בעשרייבונג ווארט ביי ווארט און דער לעזער וועט געוויס פארשטעהן, וואס אין איהר איז אמת און וואס נישט.

„די אונגלויביגע יודישע גזע אין אונזער שטאדט — שרייבט ער — האט זיך אין דעם יאהר (1664) ערלויבט צו טון מעשים, וואס האבען אויף זיי געבראכט אומגליקען. וועלכע זיי האבען פארדיענט עהרליך, איבער זייער גאוה. אין אונזער שטאדט האט מען דערצעהלט, אז אין קראקא זענען קריסטען בעפאלען יודען. וועלענדיג זיך נוקם זיין אין אונשולדיגע, אדער זיך דאס לעבען פארזיכערן, האבען זיי זיך פארבערייט גרויסע צוויי־שארפיגע העק, האמערס אויף גרויסע העלצער, קאסעס, שווערטען און ביקסען. יודען שכורים זענען אפט ביי נאכט געלאפען אין די גאסען, זיי האבען געשאסען, געהאלטען א וואך און זייער העזה איז אזוי גרויס געוועזען, אז זיי האבען פון קריסטען געלאכט און זיי מיט דעם טויט געשראקען, זאגענדיג, אז הונט וועלען קריסטענס בלוט לעקען, אז איין יוד וועט זעכציג סטודענטען פארטרייבען, אז יודען וועלען טרעטען אין קריסטליך בלוט און דערגלייכען ווערטער געזאגט הויך, אום קריסטען זאלען הערען“.

„עס איז אנגעקומען דער הייליגער פייערטאג פון „געפינען דעם הייליגען קרייץ“, אין וועלכען עס פארזאמלען זיך זעהר פיעל מענשען פון די דערפער אין דער קירכע אויף דער פארשטאדט. יודען, מיינענדיג, אז דעם טאג, וועט מען זיי בעפאלען, האבען זיי זיך באלד אין דערפריה פארזאמעלט ביי זייער שוהל, בערך 400 יודען זענען געשטאנען בעוואפענט ביז מיטאג אויף דריי ערטער, ווי דריי מחנות זעלנער. יעדע מחנה האט געהאט זיין אנפיהרער. איין מחנה איז געשטאנען ביי דער מיהל מיט זייער עלטסטען, א יוד וועלכער האט געהייסען לייזער, די צווייטע איז געשטאנען נעבען דער יאטקע, אונטער דער סכה און די דריטע צווישען די הייזער“.

„די דריי יודישע מחנות זענען געשטאנען א לאנגע צייט גלייך, ווי גרייט צו א מלחמה און האבען זיך אויך געדונגען מענשען פון המון, אום זיי צו בעשיצען. אונזערע מענשען ווידער, א טייל אום זיך צו דערוויסען, וואס די בעוואפענטע יודען ווילען, א טייל אום צו בעוואונדערען די יודישע העזה, א טייל אום זיי אויס צו זידלען, א טייל אום זיי אויס צו לאכען — זענען דארט אהין געגאנגען. יודען זענען מיט ווערטער נישט געבליבען שולדיג, זיי האבען אויך מיט שטעקענס געענפערט. דאס איז זיי אבער צו וועניג געוועזען. ווי אום זיך זעלבסט דאס אומגליק פארצוברייטען, זענען זיי בעפאלען אונזערע יונגע לייט, וואס זענען געקומען אויס נייגעריגקייט, זיי צעיאגט, אדער געשלאגען און דערנאך זיך געריהמט און א קעגען קריסטען שטאלציערט. אונזערע מענשען זענען א פאר מאל אוועקגעגאנגען, ביז צום קראקויער טויער ביז מען האט געמוזט דאס טויער פארמאכען“.

„דערוויסענדיג זיך פון דער יודישער שרעקליכער העזה, זענען צוזאמען געלאפען אונזערע מענשען און דער המון, אום די טרויריגע זאך צו צוקוקען. צווישען זיי זענען אויך געוועזען בריות יונגע לייט, שילער, און די האבען מיט יוגענד־היץ געחאפט געוועהר. דאך האבען זיי יודען גאר נישט געטאן, ביז דריי יודישע יונגע לייט זענען נישט ארויסגעשפרונגען, געשלאגען דעם המון, וואס איז אנגעקומען און איינעם גע׳הרג׳עט מיט צוויי־שארפיגע העק. דאמאלס ערשט זענעז

---

*) Kubali. Szkice his, Ser. I. 73

**) Kronika miasta Lwowa od r. 1634 do r. 1690

די קריסטען זעהר אויפגערעגט געווארען אויף די אונגלויבינגע עזות פנים'ער.

בשעת עלטערע בעטראכטענדע מענשען האבען זיך בעקלערט, וואס מען זאל דא טון, האט דערווייל די לייכטזיניגע יוגענד זיך אנ־געהויבען נוקם צו זיין פאר אונשולדיג קריסטליך בלוט.

די דריי יודישע יונגע לייט, וואס זענען געשטאנען צווישען דער מחנה יידען, האבען נישט אויפגעהערט צו ווארפען שטיינער אונ צו זידלען קריסטען. ביז עס זענען געקומען אונזערע מענשען מיט מעהר געוועהר, מיט מעהר שכל אונ מיט גרעסערען כח. יודען זענען פריהער בעפאלען די יונגלעך, וואס האבען פון זיי געלאכט אונ דעם המון, וואס איז געקומען צוקוקען, זיי געשלאגען, צעיאגט, געשטופט.

דערווייל זענען אבער אנגעקומען זעהר פיעל סטודענטען פון דער שטאדט, מיט זיי זענען אויך געגאנגען זעהר פיעל פויערן, וואס זענען געוועזען בעוואפענט מיט דרענגער אונ שטעקענס. דאמאלס האט זיך אנגעהויבען א שרעקליכע מלחמה. יודען האבען אנגעהויבען צו ציטערען, צו שרעקען, איינער האט דעם אנדערען העזה צו געגעבען. אין אנפאנג האבען זיי זיך טאקי זעהר גוט געהאלטען, נאר דערנאך, ווען זיי האבען שוין געהאט די מלחמה פון אלע זייטען, האבען זיי געשריגען, זיך אויסגעמישט אונ אהן ארדנונג געלאפען אין שוהל אריין. נאר דארט האבען זיי אויך בעקומען די שטראף, אויף וועלכער זיי האבען פארדיענט. די סטודענטען אונ דער המון, וואס האבען זיך מיט רעכט געפיהלט בעליידיגט, האבען ארויסגעשלעפט יודען פון די הייזער אונ זיי געהרג'עט. אויף פיעל פון זיי האבען אונזערע רחמנות געהאט אונ פון טויט געראטעוועט, אנדערע האבען פון רחמנות ביי זיך אין די הייזער בעהאלטען יודען.

די זעלבע סטודענטען האבען אויך די גאסען פון דער שטאדט גופא מיט יודיש בלוט בעפארבט, די בעלי־בתים פון דער שטאדט האבען געמוזט איבער יודען האלטען סטראזש ביי נאכט.

יודען האבען זיך אבער ביי דעם סטראזש אויך נישט געפיהלט זיכער, ווארען אין א געוויסע נאכט איז אין שטאדט ווידער אונרוהיג געווארען איבער דריי איידלע סטודענטען, וואס זענען פון געריכט פאר'משפט געווארען. א זעהר בכבוד'ער בעל־הבית סטאנטעל, וואס האט ביי נאכט געשאסען, כדי יודען צו בעשיצען, איז גע'הרג'עט געווארען, חוץ איהם זענען אויך אומגעקומען דריי קריסטען, וואס האבען זיך פאר יודען אנגענומען.

די שטאדט האט דעריבער געמוזט זיך בעמיהען יודען צו פאר־זיכערען אויף איין אנדערען אופן, דאדורך האט זי געדונגען הונדערט זעלנער, פון וועלכער 60 האבען בעקומען געהאלט פון דער שטאדט־קאסע אונ 40 פון יודען".

דאס אלעס שרייבט איבער דעם פאגראם, א קאטוילישער גייסטליכער, וואס זיין שנאה צו יודען זעהט מען אין יעדעןווארט. דאך מוז ער מודה זיין, אז די קריסטליכע לעמבערגער בעלי־בתים האבען געהאלטען פאר זעהר נייטיג יודענס לעבען אונ פארמעגען אבצוהיטען. יודישע קוועלען צו דער געשיכטע פון דעם פאגראם האבען מיר מעהר נישט, ווי צוויי „אל מלא רחמים'ס", וואס געפינען זיך אין דעם פינקס פון „ביהכ"נ הגדולה דתוך העיר לבוב".

אין די „אל מלא רחמימ'ס" זעהען מיר, אז אין 8 איר (שבת), האבען זיך פארזאמעלט „תשמידם" (תלמידים — שילער) אונ אנדע־רע „פוחזים" אין פארשטאדט אונ האבען גע'הרג'עט אונ גע'שחט'ען מעהר ווי הונדערט נפשות „לומדים, מופלגים, עשירים אונ דינים", שוהלען זענען פארוויסט אונ ספרי תורה צעריסען געווארען, מעהר ווי 200 מענשען זענען געווארען פארוואונדעט אונ א סך הונדערט טויזענ־טער געלד איז גערויבט געווארען.

אין דער שטאדט גופא זענען גע'הרג'עט געווארען 75 נפשות אונ מעהר ווי 200 זענען פארוואונדעט געווארען, דריי שוהלען האבען זיי חרוב געמאכט, רוב ס"ת צעריסען אונ פיעל קינדער זענען געפאנ־גען געווארען. *)

פ—ק.

## ליטעראטור אונ קונסט

— אין פעטערסבורג האט זיך געגרינדעט א פערלאג ארויסצו־געבען די בעריהמסטע רוסישע אונ אויסלענדישע ליטעראַרישע ווערק

*) מיר געבען דא די צוויי „אל מלא רחמימ'ס", ווי זיי זענען איבערגעדרוקט געווארען אין „מצבת קדש". חוברת ב'. לבוב 1864.

„אל מלא רחמים שוכן במרומים המציא מנוחה נכונה תחת כנפי השכינה במעלות קדושים וטהורים כזוהר הרקיע מזהירים את נשמת הקדושים והטהורים שהיו בקהלתנו המפוארה עיר גדולה של חכמים ושל סופרים ונהרגו בחוץ לעיר ק"ק לבוב החשובה והרמה במקום אחד תורה וגדולה מקוימה, בשמונה לחדש אייר 'א'ך 'ה'י'ה 'ב'ח'ש'כ'ה 'ג'ד'ו'ל'ה לפ"ק בני ישראל לילות וימימה בשבת קדש להיושב שמימה נתאספו התשמידים ושאר פוחזים ביד רמה והרגו ושחטו יותר ממאה נפשות באף ובחמה לומדים ומופלגים אנשי השם המה עשירים ומנהיגים היו לנו למחסה ביום זעם וגזלו כמה מאות אלפים כספם וזהבם במהומה וגם נהרגו אלופים דינים קולם נשמע ברמה, אנשי אמנה אברו היו לנו לחומה ונחבלו יותר משני מאות אנשים חשובים במראה ובקומה אכלו את יעקב ואת נוהו השמו לביזה ושמה בתי הכנסיות ומדרשות הקדושים בנוי לתלפיות כחומה וקרעו וחתכו ספרי תורת ה' תמימה על זאת יבכו עש כסיל וכימה ונאבדו ילדים נפורו ונפרדו בין האומה יתומים ואלמנות בוכים ומבכים בנהימה, על אלה דמעתי על לחיי אזרימה בבכי ונהי ארימה העל אלה תתאפק ה' איש מלחמה נוקם ה' ובעל חמה ישקיף וירא ה' מן השמים לנקום נקמה ימין ה' רוממה לכן בעל הרחמים יסתירם בסתר כנפיו לעולמים בישיבה של מעלה יהיו יושבים וחונים וכו'".

„אל מלא רחמים וכו' נשמת הקדושים והטהורים בקהלה תהלה ברה כחמה עיר גדולה של חכמים וסופרים בק"ק לבוב החשובה והרמה תורה וגדולה במקום אחד מקוימה בשמונה לחדש אייר ועד עשרים בסיון לפרט 'א'ך 'ה'י'ה 'ב'ח'ש'כ'ה 'ג'ד'ו'ל'ה לפ"ק בני ישראל לילות וימימה בחמישי ובששי ובש"ק לה' יושב שמימה התאספו התשמידם ושאר פוחזים ביד רמה והרגו ושחטו יותר משבעים וחמשה נפשות באף ובחמה לומדים ומופלגים אנשי השם המה עשירים ומנהיגים היו לנו למחסה ביום זעמה וגזלו כמה מאות אלפים כספם וזהבם במהומה וגם נהרגו כמה אלופים דינים ובעלי תורה קולם נשמע ברמה אנשי אמנה אבדו היו לנו למחסה ביום זעמה ונחבלו בתוך העיר ג"כ יותר משני מאות נפשות חשובים במראה ובקומה אכלו את יעקב ואת נוהו השמו לביזה ושמה שלשה בתי כנסיות הקדושים בנו לתלפיות כחומה וקרעו וחתכו רובי ספרי תורת ה' תמימה על זאת יבכו עש כסיל וכימה ונאבדו ג"כ כמה ילדים נפורים ונפרדים בין האומה בוכים ומבכים בנהימה, וכו'".

אין זשאַרנאַנישער איבערזעצונג און צו פאַרקויפען פאַר זעהר ביליגע מקחים.

— דער שקל, זיין געשיכטע, באַדייטונג און ציעל. העראויס געגעבען פון אַדעסער ציוניסטען. אַדעסא תר"ג.

---

# אַלטנייַלאַנד.

איך מיין, אַז איהר אַלע, מיינע לעזער, האָט שוין געהערט פונ'ם „אַלטנייַלאַנד", ס'הייסט פונ'ם ביכל מיט דעם נאָמען, וואָס איז ניט לאַנג ערשיענען, אַ ראָמאַן פונ'ם ציוניסטישען פיהרער ד"ר הערצל.

געהערט האָט איהר געוויס, ווייל אַ גאַנץ היבשע צייט האָבען דעריבער געפויקט אַלע יודישע צייטונגען און פייערינגע רעדעס זענען אָבגעהאַלטען געוואָרען אין ציוניסטישע פערזאַמלונגען, — קענען אָבער אַלי'ן דאָס ווערק, ווענען וועלכען עס רעדט זיך מיט אַזא היץ?

איך וויל אייך דערמיט בעקענען און גלויבט מיר, אַז איך האָב דערביי קיין שום כוונה זרה ניט. איך וויל ניט שאַפען קיין שטימונג אין דער אָדער אין יענער זייט. איך וויל נאָר, אַז איהר זאָלט פריהער די זאַך קענען און נאָכדעם ערשט אייער מיינונג זאָגען.

I.

דאָס ביכל „אַלטנייַלאַנד" הייבט ד"ר הערצל אָן מיט אַזא מעשה: איינער אַ יודישער יונגערמאַן אין וויען, ד"ר פריעדריך לעווענבערג, אַ געקאַנטשעטער יוריסט, נאָר אָהן פּראַקטיקע, האָט זיך פאַרליבט, ווי מע זאָגט, איבער די אויערען, אין אַ יודיש-גבירישע מיידל פון די הויכע פענסטער, איך מיין פון דעם יודישען פּאָהן, פון דער רייכסטער קלאַס אין וויען.

די יודישע רייכע קלאַס אין וויען, ווי אַלעמען בעקאַנט, איז אַסימילאַטאָריש געזינען, מע זוכט מיט אַלע מיטלען געפעלען דער קריסטליכער געזעלשאַפט, און וועגען יודישע נאַציאָנאַל, יודישע אינטערעסען וויל מען גאָר ניט טראַכטען. ד"ר הערצל מאָלט אָב די דאָזיגע יודישע קלאַס אין פאָלגענדער סצענע, וועלכע קומט פאָר ביי דער פאַמיליע לעפלער ביי דער סעודה פון ערנעסטינעס תנאים (ערנעסטינע איז די געליבטע פון ד"ר לעווענבערג). סע ווערד אַ רעדע וועגען יודישער לאַגע. ד"ר ווייס, דער ראַבינער, זאָגט:

„ביי אונז אין מעהרען ווערד אויך די לאַגע שלעכט. אונזערע יודען זענען, אין די קליינע שטעדטלעך איבערהויפט, אין געפאַהר. זענען די דייטשען שלעכט אויפגעלעגט, שלאָגען זיי אויס די פענסטער ביי יודען, זענען ווידער די טשעכען אויפגערעגט בעפאַלען זיי די יודען. אַזוי אָדער אַזוי איז די יודען שלעכט, און די אָרימע לייט הויבען אָן צו אַנטלויפען. זיי ווייסען אָבער נעביך ניט וואוהין".

„מאָריטץ!" רופט די פרוי לאַשער אין דיעזען אויגענבליק, „איך וויל איבערמאָרגען אין בורגטעאַטער".

„לאַז צורוה!" ענטפערט דער בערזענמאַן. „ד"ר ווייס דערצעהלט אונז ווי אַזוי סע זעהט אויס ביי זיי אין מעהרען. באמת ניט שען".

סאַמועל ווייַנבערגער, דעם חתנ'ס פאָטער מישט זיך אַריין: „הער דאָקטאָר, איהר אַלס ראַבינער קוקט שוין דאַרויף צו שוואַרץ".

„ווייס קוקט תמיד שוואַרץ!" זאָגט איינער פון די צוויי לצים, נאָר דאָס ווערטל פליהט דורך ניט בעמערקט.

סאַמועל ווייַנבערגער זאָגט ווייטער:

„איך פיהל מיך אין מיין פאַבריק גאַנץ זיכער. אַז מע וויל ביי מיר עפּיס מאַכען קוּנצען רוף איך די פּאָליציי אָדער געה צום קאָמאַנדיר. אַז די באָסיאַקעס דערזעהען נאָר די פיקע בעקומען זיי דרך-ארץ".

„אַזא צושטאַנד איז דאָך אָבער זעהר טרויריג", בעמערקט ראַבינער ווייס ליבליך.

אַדוואָקאַט ד"ר וואַלטער, וואָס זיין פאַמיליען-נאָמען איז איז לכתחלה געווען פייגעלשטאָק, בעמערקט: „איך ווייס ניט ווער ס'האָט געזאָגט, מיט פיקעס קאָן מען אַלעס מאַכען; נאָר דאַרויף פאַרלאָזען זיך קאָן מען זיך ניט".

„איך זעה שוין", שרייט אויס לאַשנער, „מיר וועלען אַלע ווידער מוזען טראָגען דעם געלען פלעק אויף די קליידער".

„אָדער אַרויספאָהרען", זאָגט דער ראַבינער.

„זייט זשע מוחל, וואוהין?" פרעגט וואַלטער, „איז דען ערגיץ אַנדערש בעסער? אפילו אינ'ם פרייען פראַנקרייך זענען די אַנטיסעמיטען פון אויבען".

ד"ר ווייס אָבער, דער אָרימער ראַבינער פון אַ מעהרישען קליינעם שטעדטל, וועלכער האָט קיין בעגריף ניט געהאַט אין וואָסער אַ חברה ער געפינט זיך, וואַרפט תמ'וואַטע אַריין אַ תשובה:

„זייט איניגע יאָהרען איז ענטשטאַנדען אַ בעוועגונג, וועלכע מע רופט ציוניזם. דיעזע בעוועגונג וויל די יודישע פראַגע פאַרענטפערען דורך אַ גרויסאַרטיגער קאָלאָניזאַציע אין אונזער אַלטער היים אין ארץ ישראל. ווער סע קאָן שוין מעהר דאָ ניט אויסהאַלטען זאָל אַהין געהן".

ער האָט גערעדט גאַנץ רוהיג און גאָר ניט בעמערקט ווי די פנימ'ער האָבען זיך ביסלעכווייז פאַרצויגען מיט אַ שמייכעל און איז דעריבער שטאַרק פאַרשעמט געוואָרען בעת ער האָט דערהערט דאָס געלעכטער, וואָס האָט אויסגעבראָכען, אַלס ער האָט דערמאָנט דאָס וואָרט ארץ-ישראל. דאָס איז געווען אַ לאַכען פון פאַרשידענע קולות. די דאַמען האָבען געהאַחעט, די הערען – געבריליט און צעשמאַלצען געוואָרען. נאָר פריעדריך לעווענבערג האָט דאָס געלעכטער געפונען פאַר עם-הארצ'יש און גראָב אַקעגען דעם אַלטען מאַן.

אַ גאַנצע רייהע פון וויצען קלוגע און נאַרישע וועגען די יודישע מיניסטאָרען און ווער וועט עס זיין דער יודישער מלכות א. ד. ג. חכמות, וואָס יעדער פון אונז האָט זיי שוין געהערט אַמאָל טויזענט און איינס, סיי אין הויך-שטעקיגע עלעקטריש בעלייכטענע סאַלאָנס און סיי אין די אָרימע בתי מדרשים ביי דער הרובע און פאַר אַ גראָשאָווע חלב-ליכטל פאָלגט אין דיעזער געזעלשאַפט אויך. מע פאַרטיילט צווישען זיך די פּאָסטען און עפענטליכע שטעלען. איינער וויל וויציגער זיין אַלס דער אַנדערער. נאָר איין ראַבינער ווייס בעהאַלט נאָך דערביי קלאָרען געדאַנק און פרעגט:

„פון וועמען לאַכט איהר, רבותי? פון זיך אַליין?"

„ניין ערנסט וועלען מיר עס נעמען!“ זאגט בלוי (איינער פון די 2 לצים).

„איך בין שטאלץ וואס איך בין א יוד“, ערקלערט לאשנער, ווארום ווען איך זאל ניט שטאלץ זיין וואלט איך דאך סיי ווי א יוד געווען. אלזא איז שוין גלייכער, אז איך בין שטאלץ“.

אין דיעזען אויגענבליק זענען די צוויי שטוב־מעדל ארויס־געגאנגען, כדי עפיס אריינצוברענגען. די בעל־הבית'טע נוצט אויס די מינוט צו בעמערקען:

„פאר די דיענסטען אין די אויגען וואלט גלייכער געווען ניט צו רעדען פון יודישע ענינים“.

בלוי ענפערט דרויף תיכף: „האט קיין פאראיבעל ניט, מאדאם. איך האב ניט געוואוסט, אז אייערע דיענסטען ווייסען ניט, אז איהר זענט יודען“.

אט דאס איז די ספערע, וואו סע דרעהט זיך אונזער פרידריך לעווענבערג, דער דאקטאר אהן פראקטיקע, און פון וואנען סע שטאמט זיין געליבטע, די טאכטער פונ'ם רייכען ויענער פאבריקאנט, לעפלער, ערנעסטינע.

II.

וועגען לעווענבערגען אליין געפינען מיר אויך שוין אין אנהויב אפאר בלעטלעך, וועלכע כאראקטעריזירען איהם אלס א קינד פון זיין צייט, א פארבלאנזשעטען יודישען אינטעליגענט, וועלכען סע טוט וועה די לאגע פון זיין פאלק, וועלכער פארטראכט זיך איבער דיעזער לאגע, וועלכער איז אבער אזוי ווייט פארפיהרט און אבגע־ריסען פון יודישקייט און יודישען געדאנקען־גאנג, אז ער קומט ניט גלייך אויף דאס איינציגע און ריכטיגסטע מיטעל די יודען־פראגע צו לעזען. צו דיעזען מיטעל מוז ער ערשט קומען נאך גאנץ לאנגען וואנדערען און פיעלעס איבערלעבען.

פריעדריך לעווענבערגען שטעלט אונז דער מחבר פונ'ם אלט־ניילאנד צום ערשטען פאר, אלס ער זיצט אין א קאפע־הויז און חלומ'ט וועגען זיין געליבטער ערנעסטינע און וועגען זיינע צוויי חברים. מיט וועלכע ער האט אמאל אזוי גוט צוגעבראכט אין דעם זעלבען קאפע, „בירקענרייס“ און פון וועלכע דער ערשטער, היינריך, האט זיך געשאסען און דער אנדערער, אסוואלד, איז אוועק קיין בראזיליע, אום דארט צו ארבייטען פאר דער קאלאניזירונג פון יודישע פראלעטאריער, ער איז דארט אבער ניט לאנג פונ'ם געלען פיעבער אוועקגעשטארבען.

אין דעם קאפע פארקעהרען נאך א גאנצע מענגע פון אנדערע איהם גלייכע יונגע לייט, נאר־וואס געענדיגטע דאקטוירים, נייגע־באקענע יוריסטען, זאפאסנע טעכניקער א. ד. ג. נאר דיעזע אלע האבען זיך נאך פונ'ם לעבען ניט אזוי ערביטערט. זיי האבען דעריבער נאך געקאנט אונטערהוליען, שפיעלען אין ביליארד, זאגען גלייכע ווערטלעך און פריעדריך האט זיי מקנא געווען.

דיעזע אלע יונגע לייט, וועלכע האבען געענדיגט א האכשולע, נאר צו טון איז ניטא וואס, זענען צומייסטען געוועזן יודען און ווען זיי האבען ניט געשפיעלט קיין קארטען אדער ביליארד, פלעגען זיי קלאגען אויף דער „שווערע צייט“, ווי ס'איז כמעט אונמעגליך זיך דורכצושלאגען. לעווענבערג האט זיי בעדויערט און מקנא געווען אין דערזעלבען צייט. אייגענטליך זענען זיי נאר בעסערע פראלעטאריער. קרבנות פון א דעה, וואס האט פאר צוואנציג־דרייסיג יאהר געהערשט אין די מיטלע קלאסען פון דער יודענשאפט: אוועק פונ'ם האנדעל, פון די געשעפטען. דער זוהן זאל זיין עפיס אנדערש, ניט ווי דער פאטער איז געוועזן. דא האט זיך אנגעהויבען א מאסען־בעוועגונג פון דעם אונטערוואכסענדען דור צו דער „בילדונג“ און דער רעזולטאט דערפון — א יאמערליכער צושטאנד פון מענגען געבילדעטע אהן בעשעפטיגונג. א מענגע פון יונגע לייט, וואס צום געוועהנליכען יודישען געשעפטס־לעבען האבען זיי שוין ניט מעהר געטויגט, די עפענטליכע שטעלען בעטרעטען אזוי ווי זייערע קריסטליכע קאלעגען האט מען זיי ניט געלאזען און וואס צו טון איז ניטא. זיי זענען, קאן מען זאגען, געבליבען ליגען אויפ'ן מארק. דערביי האבען זיי איין ערהענגעפיהל לויט פון העכערען שטאנד, א לעבען פיהרען מוז מען לויט ווי פון העכע־ען שטאנד, מיטעל אבער קיינע. די וואס האבען געהאט א שטיקל ירושה האבען געקאנט איינציגווייז אויפעסען, אדער שלעפען געלט ביי די עלטערען. אנדערע שנארען נאך א „גוטען שדוך.“ די דריטע ווארפען זיך צו אלעריליי מינים געשעפטלעך, וועלכע פאסען גאר ניט פאר דעם סארט מענשען, אזוי אז סע קומט אויס א וואונדערליכע און טרויריגע קאמעדיע: די וועלכע האבען ניט געוואלט זיין סוחרים, געשעפט־מאכערס, מאכען דאך געשעפטען אלס „אקאדעמיקער“, געשעפטען מיט געהיימע קראנקהייטען און ניט ערלויבטע פראצעסען. א טייל ווערען פון גויט צייטונג־שרייבער און האנדלען מיט דער עפענטליכע מיינונג, נאך אנדערע רוקען זיך אריין אין פאליטישע געזעלשאפטען, פעדלערען מיט פוסטע שלאג־ווערטער און פראזען, כדי אזוי ארום צו קריגען א קוועלע פון פארדיענסטלעך.

לעווענבערג האט ניט געוואלט געהן אין דיעזע וועגען. „דו טויגסט ניט צום לעבען“, האט איהם איינמאל פאר'ן אבברייזען זיין פריינד אסוואלד געזאגט, „ווייל דו מאוס'ט זיך צופיעל. מע מוז קענען עפיס אראבשלינגען, ווי למשל יענער און דער, דערפון ווערד מען דיק און קרעפטיג און מע קומט צו'ן עפיס... אז דו ביזט איין אנשטענדיגער מענש, וועט דיר קיינער ניט גלויבען, ווייל דו ביזט א יוד... אלזא וואס? דו וועסט מיט דיינע פאר גראשען ירושה פריהער פארטיג ווערען אלס מיט דיין אדוואקאטור־פראקטיקע. דעמאלט וועסטו דאך מוזען עפיס אנהויבען טון אזוינס, פון וועלכען דו מאוס'ט זיך אצונד — אדער זיך אויפהענגען. איך בעט דיך קויף דיר א שטריק כל זמן דו האסט נאך א גולדען, אויף מיר קאנסטו ניט רעכענען. ערשטענס וועל איך שוין דא ניט זיין, צווייטענס בין איך דיין פריינד“.

אסוואלד האט איהם געוואלט מיטשלעפען קיין בראזיליע. לעווענבערג קאן זיך אבער ניט ענטשליסען, ווייל ער האט געחלומ'ט פון ערנעסטינען. איהם האט זיך געדאכט, אז ערנעסטינע פיהלט צו איהם דאס זעלבע וואס ער צו איהר. ער וועט זיך איהר ענטדעקען, זי וועט איהם פארשטעהן און וועט ווארטען ביז ער וועט זיך אויסארבייטען א לעבען. דעמאלט וועט אויך איהר פאטער, דער רייכער פאבריקאנט, צופרידען זיין מיט'ן שידוך, מיט א וואהל

פראקטיצירענדען אדוואקאטע. נאר ס'איז איהם בעשערט געווען נאך אין דיעזען אבענד צו זעהען אלע חלומות זיינע פארזונקען אין ים. נאך דיעזען אבענד, ביי דער סעודה, וועלכע איז שוין אויבען בע־שריבען, האט הער לעפלער, ערנעסטינעס פאטער, מודיע געווען, אז זיין טאכטער איז א כלה פאר דעם יונגען וויינבערגער, „דעם מיטשעף דער פירמא סאמועל וויינבערגער עט זעהנע", מיט וועלכען ערנעסטינע איז זייט צוויי וואכען בעקאנט געווארען.

ס'איז ניט נייטיג צו בעשרייבען פריעדריכ'ס הארץ ביי דיזער געשיכטע. דאס איז דאס שווערע הארץ פון אלע אבגענארטע, פון אלע פארשמיסענע איידעל־לייט אקעגען דער גאוה פון די רייכע טויגעניכטסען! הכלל לעווענבערגען איז דאס לעבען נמאס געווארען און ער האט זיך בענוצט מיט א מודעה פון א רייכען אמעריקאנער, וועלכער האט געזוכט א געבילדעטען יונגען מאן, וואס דאס לעבען צווישען מענשען איז איהם געווארען איבערדריסיג און וויל אנטלויפען פון דער וועלט.

דער אמעריקאנער קינגסקארט, א געוועזענער דייטשער אפיציער, וואס איז אין אמעריקא געווארען א מיליאנער און איז אויך פון מענ־שען אבגענארט געווארען, האט אין לעווענבערגען געפונען גראדע דעם חבר, וואס ער האט געזוכט און האט קורץ מיט איהם געשלאסען ברודערשאפט אויף צוזאמען צו פארלאזען די „פוילע" אייראפייאישע געזעלשאפט און זיך פארקלויבען ערגיץ העט ווייט אויף א פאר־וואָרפענע אינזעל.

דער אמעריקאנער האט לעווענבערגען פארגעלעגט געלט אויף צו ארדנען זיינע געשעפטען פאר זיין אבפאהרט, נאר לעווענבערג האט פאר זיך קיין געלט ניט בעדארפט. ער האט זיך אבער דערמאנט אין א מעשה, וואס איז איהם פארגעקומען צו זעהען, וועלכע מיר וועלען שפעטער דערצעהלען און האט ביי איהם גענומען פינף טויזענט גולדען פאר יענער ארימער פאמיליע.

איידער דאקטאר הערצל געהט איבער צו דער בעשרייבונג פונ'ם „אלטנייא לאנד" האט ער אונז געוואלט פארשטעלען א בילד פון די היינטיגע יודישע פערהעלטניסע, פון וועלכע סע געהט לאגיש הערפאר די נייטיגקייט פון א נייער יודישער געזעלשאפט.

די מאטעריעלע לאגע און דעם גייסט פון דער יודישער אינ־טעליגענץ האבען מיר געזעהען אין לעווענבערגען און אין זיינע חברים; דעם צושטאנד פון דער יודישער בורזשואזיע — אין דער פאמיליע לעפלער און זייער אומגעבונג; די פערהעלטניסע ביי דעם יודישען פראלעטאריאט וועלען מיר באלד זעהען אין דער פאמיליע ליטוואק, וועגען וועלכער דא וועט באלד זיין די רעדע.

(פארטזעצונג קומט).

משה קליינמאן.

## אלערליי.

די עלטסטע צייטונג אין דער וועלט געפינט זיך אין פעקין די הויפט־שטאדט פון חינא, זי הייסט „קין פן". די צייטונג איז שוין אלט מעהר פון 1000 יאהר און זייט זי האט אנגעהויבען צו געהן האט זי נאך קיינמאל נישט פערפעהלט צו ערשיינען. ביז דעם יאהר 1401 פלעגט זי ארויס נאר איינמאל א חדש און האט זיך נאר פער־נומען מיט ידיעות פון קייזערליכען הויף. דערנאך האט זי אנגעהויבען ארויסגעהן אלע וואך און פון יאהר 1830 איז זי געווארען א טאגע בלאט. היינט געהט זי שוין ארויס דריי מאל אין טאג; אין דער פריה דריקט זי זיך אויף א געל פאפיר, צו מיטאג אויף ווייס פאפיר און פון אווענד אויף גרויע פאפיר.

די פאסט אין רוסלאנד האט זיך אין הונדערט יאהר פאר־גרעסערט אויף 10 מאל אזוי פיעל. אין אנפאנג פון פאריגען יאהרהונדערט איז אין גאנץ רוסלאנד געווען 458 פאסט־אמטען און ענדע דעם יאהר־הונדערט האט עס 4,410. די צאהל פון די פאסט־בעאמטע איז פאר־גרעסערט געווארען אין די 100 יאהר פון 5000 אויף 37,000. אנפאנג פון דעם יאהרהונדערט האט אויסגעמאכט איין פאסט אויף 87,000 איינ־וואהנער און ענדע דעם יאהרהונדערט איין פאסט אויף 29,000 איינ־וואהנער. די צאהל פון די זאכען, וואס ווערען געשיקט, האט זיך אויך אין די 100 יאהר פארגרעסערט פון 3 מיליאן אויף 849 מיליאנען. דער פרייז פאר שיקען א בריף איז זעהר פארקלענערט געווארען. א בריף, וואס מען האט געשיקט, למשל, פון פעטערסבורג נאך קאמטשאטקא האט פאר 100 יאהר צוריק געקאסט ביז 2 רובל מיט 14 קאפ און היינט קאסט נאר 7 קאפ.

## יודישע פרויענוועלט

### I. אלגעמיינע נייעס.

אין וויען איז פאר א וואך געווען דער ערשטער קאנגרעס פון דעם עסטרייכישען פרויען־בונד. דער צוועק פון דעם קאנגרעס איז געווען צו ארגאניזירען די עסטרייכישע פרויען, צו פאדערען רעכטע און צו פארבעסערען זייערע לאגע מאטעריעל און גייסטיג.

— צווישען די נדבות, וואס זענען אנגעקומען אין דער רעדאקציע פון „נאוואסטי", געפינען זיך נדבות פון דער פירסטין דאלגארוקאווא, די גרעפין אר...אווא דאווידאווא און פון גראף קאנארקין.

### II. יודישע נייעס.

— אין בודאפעסט איז געווען נישט לאנג א גענעראל־פער־זאמלונג פונ'ם יודישען פרויען־פעראיין, פארזיצענדע איז געווען די פרוי מרים הערצל. אין פארגאנגענעם יאהר האט דער פעראיין צעטיילט 70,329 קראנען אונטערשטיצונגען. די ערציהונג פון 184 יתומות האט גע־קאסט 76,352 קראנען. אין דער פאלקסקיכע האט דער פעראיין גע־געבען 168,596 פארשוין עסען, דאס האט געקאסט 43,293 קראנען. אלע אויסגאבען פונ'ם פעראיין אין דעם לעצטען יאהר זענען געווען 195,958 קראנען.

— פרוי העלענע כהן א געבארענע אדעסערין, וועלכע וואהנט היינט אין מילאן (איטאליע), האט געשאנקען פאר די קישינובער פאר־אומגליקטע יודען 5000 רובל,

— צום חשבון פון דער אבטיילונג פון דער חברה מרבי השכלה אין אדעסא, וואס איז נישט לאנג ארויס, איז ביי געלעגט א קורצער איבערבליק איבער די ווירקונג פון דער זומער־וואהנונג פאר ארימע יודישע מיידלעך, אויף וועלכע פרוי ל. דריזא ניט השגחה.

— די באראנעסע אדעלהייד ראטהשילד, די עלטסטע טאכטער פון דעם פארשטארבענעם באראן קארל ווילהעלם ראטהשילד אויס פראנקפורט אם־מאין, האט געשיקט 10000 מארק צום פראנקפורטער הילפס־קאמיטעט פאר קישינובער יודען.

— דער פרויען־הילפס־קאמיטעט אין קישינוב טוט זעהר פיעל פאר ארימע מיידלעך. ער האט אויך געגרינדעט א פריוט פאר קינדער.

רעדאקטאר: מ. ספעקטאר.
פערלאג „פאלקסבילדונג".

rausgeber Verlag Volksbildung, Verantwortlicher Redacteur Moses Deutscher, Krakau, Druck v. S, L Deutscher Podgorze b. Krakau



# גענעז מערידען און פוקלעס!

אפאראט וועלכער היילט גרינדליך
אהנע אפעראציע. פרייז 2 ר' 50 קאפ.



**Д. МОШКОВСКІЙ Варшава, Налевки 37.**

(55) (25—ו)



# שפירטוס־לאקיר, פאליטור און עסיג זאוואדען

**Х. Бурштейнъ, Слонимъ.**

צו בילינע פרייזען ווערט פערקויפט פערשידענע סארטען לאקירען
אויף אציטשצענע־אויסנעשטאנענע סארטען עסיג.
די ווארע איזט פראכטפאל. פיעל דאנק בריף פון סוחרים. עס ווערט געשיקט
אויך פער נאכנאמע אין בעסטען ארדענונג. 208 5—5

פרייז־קוראנטען ווערט צו שיקט נאך פערלאנג אומזאנסט



## !! וויכטיג פיר די האנדעלס־וועלט !!

**Г. ПЛАТЕКЪ** אין דער דרוקעריי פון

**Варшава, Долгая № 19.**

איז ערשינען א מאמענטאל רעכען־טאבליצע, דורך וועלכע מען קאן לייכט אין איין מאמענט בערעכנען פון 1 ביז 5.000 אין כפל (множеніе) און חלוק (дѣленіе)

פרייז 20 קאפ' פער שטיק, פיר ענגראסיסטען בעדייטענדען ראבאט. פיר 30 קאפ. אין פאסט מארקען ווערד ארויסגעשיקט איין עקזעמפלאר צור פראבע פראנקא. (204) 3—3

דארט איז אויך דער גרעסטער אויסוואהל און די בילליגסטע קוועלע פון

## אנזיכט פאסט־קארטען.



# טאשען אוהרען בחצי חנם!



פיר 3 רובל מיט 50 קאפ. קאן יעדער איינציגער בעקומען פראנק און פריי צו הויז פער נאכנאמע אהן האנדגעלד א עכט גוטען ניקעל רעמאנטאר, וואס ציהט זיך אן ביין אויער איין מאל אין 36 שעה.

די זעלבע אוהרען אין **שווארצען שטאל** מיט 50 קאפ' טהייערער. — **עכט פערגאלדעטע** מיט גאראנטיע נור 5 רובל.

אום צו פערברייטערען אונזערע גוט בעקאנטע ווארע ווירד צוגעגעבען צו יעדע אוהר א עכט דובלע־גאלדענע פאנצער קעטע מיט א ברעלאק גאנץ אומזאנסט. דער ברעלאק קאן זיין מיט א לארנעטקע וואס ציינט פערשיעדענע פיקאנטע בילדער פון דאמען געשלעכט. (208) 6—4

אויך עלעגאנט אויסגעפיהרטע „מוזיק אוהרען סימפאניע", זעלבסטשפיעלער וועלכע פיהרען אויס גאנץ הויך און לאנג אלע שאנסטע פאלקס ליעדער, מארשען, וואלצען, פאלקעס, אפערן א. ד. ג. מיט עלעגאנטעם פאנטאזיענעם ציפערבלאט פיר 7 רובל 25 קאפ. מיט פארטא. — 2 שטיק נור 14 רובל.

יעדע אוהר איז אויסרעגולירט צו דער מינוטע, גאראנטירט פיר גוטען גאנג אויף 8 יאהר. בעשטעלונגען ווערען גלייכצייטיג און פינקטליך ארויס געשיקט.

**Складъ Часовъ Ю. Якубовича, Варшава, С. Георгія 16.**





## Paryzkie nowe modele

rekomenduje znany magazyn
**Okryć damskich, wierzchów do futer i kostjumów**
**D. Borodowski,** Warszawa, Leszno 9 m 4.
Na żądanie wykonywam wszelkie obstalunki
w 24 godzin.

(148) 25—9



# סקלאד פאן מיהלען־מאשינען

**PINKUS & KLEPFISCH**

**Warszawa, Twarda Nr. 7.**

בעזיצט אויפס לאגער אלעראַרט מיהלען־מאשינען, אינלאנדישע און אויסלאנדישע, אלערליי ארטיקלען צו מיהלען געברויך.

בעסטע בעדינגונגען צו אלער בילינסטען פרייזען.

עס ווערדען געזוכט פערטרעטער אין אלע גרויסע שטאדט רוסלאנדס מיט זעהר גוטע בעדינגונגען. 214 4—1



## דאמפ־דרוקעריי עט ליטאגראפיע

## פון ש. בעלכאטאווסקי אין פיעטרעקוב

איינגעארדנעט לויט די נייעסטע סיסטעמע, מיט די שענסטע מאדערנע שריפט און פערציערונגען, נעמט אן צו דרוקען אלערליי ביכער: יודיש, רוסיש, פויליש, דייטש א. ז. וו. אויף די לייכטסטע בעדינגונגען. אויך פערשידענע עטיקעטען, פרייז־קוראנטען, פאבריטשנע ביכלעך, אויך אלערליי אנדערע סארטען דרוק אונד ליטאגראפישע זאכען.

(212) אלעס ווערט פינקטליך און שנעל בעזארגט. 50—2

**Въ Типо-литографію Ш. Белхатовскаго, г. г. Петроковъ.**





# היטעט אייך פאר פעלשונגען.

די איינציגע ברוכבאַנדער, וועלכע היילען אוים גרינדליך יעדען איינציגען ברוך, נאך קורצעם געברויך זעגען נור

## אלעקסאנדער'ס עלעקטרא־גאלוואנישע ברוכבענדער

וועהרענד עס האט זיך געצייגט, אז מען מאכט א זאלכע נאך, בעטען מיר צו בעאויבאכטען אויף אונזער פירמא, וועלכע איז אויף יעדען ברוכבאנד

**„Aleksander" Warszawa, Senatorska 22.**

וויר בעזיצען הונדערטע דאנקבריעפע פון די יעניגע, וואס האבען געטראגען אונזער ברוכבאנד און זענען גענצליך אויס־געהיילט געווארען, לויט ווי מיר געבען דא די אריגינעלע בריעף פון די איינענטהימער:

Riversdole Cape Colony (Afrika).

אן הערען אלעקסאנדער!

איך קאממע איהנען מיטצוטהיילען אונד בעדאנקען פאר דעם עלעקטרישען באנד וואס זי מיר געשיקט האבען.

אכטונגספאלל

**ט. אבעלסאז.** (207) 3—3



# נור פיר 1 רובל

איז צו בעקומען איין עכטע עלעגאנטישע און דויערהאפטע

## עלעקטרישע טאשען־לאמפע



וועלכע ביי קליינעם דרוק דאס איינגעריכטעטע קנעפכען, גיבט זעהר העללעס עלעקטרישעס ליכט אויף איין גאנץ ווייטע שטרעקע

אין די ערשטע קוועללע פאן פערשיערענע עלעקטרי־שע טאשען לאמפען

**Братья Канкусъ, Варшава, Св.-Георгія 30/84.**

עס גיבט אויך טהייערע ביז 3.50, אויך עלעקטרישע אוהרען, לייכטער, האנד־לאמפען א. ד. ג.

צו זעהר בילליגען פרייזען.

פיר הורט קויפער בעדייטענדער ראבאט. — פרייז־קוראנטען גראטים און פראנקא. (206) 5—4



## י. שעקמאן, ווארשא.

פאבריק פון זילבער 84 פראָבע
עט פלאטעע־וואארען. 50 21 (128)




מאגאזין נאלעווקי 20, פאבריק דזיקא 10.



## היימישע מיטטאגען!

צו מעסיגע פרייזען, אויך פער־שיערענע צייטונגען צום לעזען ביי

אהרן משכיל־לאיתן

ווארשא, גענשע 13, וואהנונג 7,
אין טהויער, 2 שטאק. (192) 50-9

